Nr. 8 אכצענטער יאָהרגאַנג [פרייז 20 גראשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרייז פאַר אַ מילימעטער שורה:
טאָר'ן טעקסט 40 גראָשען נאָכ'ן טעקסט 20 גראָשען
אין טעקסט 60 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האַלט 8 אַנאָנסען שפּאַלטען.

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אלעע נר. 6. — טעלעפאָן נר. 22-01

אַבאָנאַמענטס-פּרייז אַ נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פאַר'ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך.

Częstochowa, Piątek 24 lutego 1939 — ליכט-צינדען 4.45 — פרייטאג ה' אדר פ' תרומה תרצ"ט

Bibljot. Jagiellońska Kraków Św. Anny 19

Wszystkim, którzy oddali ostatnią posługę drogim nam zwłokom

b. p.

ZYGMUNTA MARKOWICZA

i w chwili tak ciężkiej złożyli nam tyle dowodów współczucia i hołdu dla pamięci Zmarłego, składamy tą drogą serdeczne „Bóg Zapłać".

Żona, Dzieci i Rodzina.

Szanownej pani **dyr. Markewiczowej i Rodzinie**
z powodu zgonu cennego Małżonka
B. P. **dyr. ZYGMUNTA MARKOWICZA**
wyraża głębokie współczucie

Firma PLUTOS S. A.
Przedstawiciele na Częstochowę
SZWARCBAUM i TENENBAUM.

Czcigodnemu Prezesowi naszego Stowarzyszenia
p. **J. Wekslerowi**
z powodu zgonu Siostry Jego
B. P. **HINDY z Wekslerów SZPIGELMANOWEJ**
składamy wyrazy szczerego współczucia

ZARZĄD i SEKRETARIAT
Stowarzyszenia Właścicieli Nieruchomości m. Częstochowy.

Z powodu przedwczesnego zgonu
b. p. DYR. Z. MARKOWICZA
wyrażają pozostałej **Rodzinie** głęboki żal i współczucie

Zakłady Ceramiczne „Anna"
D. S. Zandberg.

Viceprezesowi Zarządu naszego Banku
Joachimowi Wekslerowi
z powodu zgonu Siostry Jego b. p.
HINDY SZPIGELMAN
składają wyrazy szczerego współczucia i głębokiego żalu

Rada Nadzorcza, Zarząd, Dyrekcja i Pracownicy
Banku Spółdzielczego Przemysłowców i Kupców
w Częstochowie.

Z powodu przedwczesnego zgonu długoletniego członka
b. p. dyr. ZYGMUNTA MARKOWICZA
wyrażamy stroskanej Rodzinie najgłębsze współczucie

Zarząd T-wa „Gemilas Chesed"
Piłsudskiego 31.

דעם חשוב'ן ה' **חיים וועקסלער**
צוליעב דעם פערלוסט פון זיין איבעראל זעהר געאַכטעטער שוועסטער
ב"ע הינדא שפיגעלמאַן
דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
אין איהרע מדות טובות און מעלות זאָלט איהר אַ טרייסט געפינען.
פערלינער און שוואַרצבוים.

הננו מביעים בזה את רגשי השתתפותינו החמה בצערם של ידידינו הנכבדים מר **חיים וקסלר ומשפחתו** למות עליהם אחותם
ב"ע הינדא
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא יוסיפו לדאבה עוד.
יעקב לוים ומשפחתו

Naszemu Szefowi p. **Joachimowi Wekslerowi**
najgłębsze współczucie z powodu zgonu Siostry Jego
B. P.
HINDY SZPIGELMAN
wyraża

Personel firmy Kantor Wymiany i Loterii J. Weksler.

משנכנס אדר...

איך געדענק עס נאך פון מיינע יוגנט-יאהרען אין חדר, ווי אויך שפעטער אין בית-המדרש, האט מען אין ראש-חודש אדר אויפגעשריבען אויף די וואנד די לאזונג: „משנכנס אדר מרבין בשמחה". אז אזוי ווי עס קומט ראש חודש אדר דארף מען זיך אנהויבען פרעהען.

יענע צייטען זענען שוין לאנג אוועק. קיין סיבה זיך צו פרעהען אפילו אין ראש חודש אדר האבען מיר, יודען, נישט. אויך דאמאלס, מיט 30 יאהר צוריק, האבען מיר אויך נישט געהאט צופיעל שמחות מכל שכן היינט, ווען ארום אונז איז חושך, ווען אונזער היימעל איז שווארץ און פערוואלקענט, סאַ ווער טראכט און ווער געדענקט וועגען דעם משנכנס אדר.

דאס טאקי איז אונזער אויפגאבע, די יודען צו דערמאהנען וועגען אט דער לאזונג, אז טראץ אלע צרות, וועלכע האבען שטענדיג בעגלייט דעם יודען אין גלות, טאר ער דעם בטחון דאך נישט פערלירען. און דאס מיינט דער פסוק משנכנס אדר. עס איז געווען אמאל א המן, וועלכער האט זיך געשטעלט א ציעל להשמיד ולהרג את כל היהודים—ער האט דאס יודישע פאלק געוואלט, חס ושלום, עוקר מן השורש זיין, פונדעסטוועגען איז געקומען א צייט, טאקי אין ראש-חודש אדר, וואס די גזירה איז בטל געווארען און דער טרויער, וואס האט בעהערשט דאס יודענטום, איז פערוואנדעלט געווארען אין א שמחה.

דאס איז דער זין פון משנכנס אדר.

זאל מען האפען, אז אויך איצט, ווען עס זענען געגען אונז אויפגעשטאנען עטליכע המנ'ס, וועלכע ווילען פערניכטען דעם שארית הפליטה, דארף מען נישט פערלירען דעם מוט און דעם בטחון, אז אויך דאסמאל וועלען די המנ'ס א סוף איינעמען און דאס שווער-געפרובטע פאלק וועט ארויס געשטארקט און געאייניגט.

אזוי איז אונזער גורל. מיר מוזען צוערשט ווערען פערפאלגט און געפלאגט, כדי עס זאל קאנען געשעהן דאס נס. ווען, מיר זאלען ווייטער פייערען המנ'ס מפלות און אונזערע נצחונות לא אלמן ישראל, זאל אין די שווערע פינסטערע צייטען, לייכטען פאר אונזערע אויגען דער משנכנס אדר, אז ס'זענען שוין אזעלכע צייטען פאר יורען, ווי עס איז היינט און דאך האבען מיר דעם משנכנס אדר. ס.

שבע עפשטיין משה עקשטיין

תנאים געשריבען

טשענסטאכאוו אין לוטי 1939 י.

צו די תנאים פון אונזער ליעבען זוהן

משה עקשטיין מיט פרל. **שבע עפשטיין**

מזל-טוב און פיעל ברכות ווינשען

עלטערן און געשוויסטער.

מזל-טוב צו די תנאים פון אונזער שוועסטערן-זוהן און קוזין

משה עקשטיין מיט פרל. **שבע עפשטיין**

די עלטערן פיעל נחת ווינשען

פאמיליע פישאף, יוסף שפיצוואק און פרוי

צו די תנאים פון אונזער קוזין

משה עקשטיין מיט פרל. **שבע עפשטיין**

א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

חיים אהרן גערמאן און פרוי

מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער קוזין **משה עקשטיין**

צו זיין תנאים מיט פרל. **שבע עפשטיין**

די עלטערן פיעל נחת ווינשען

אברהם טאפאר און פרוי

BIANKA SZMULEWICZ MENIEK BRAUN

ZARĘCZENI

Częstochowa, w lutym 1939 r.

צו דער תנאים פון אונזער ליבע טאכטער **ביאנקא שמולעוויטש**

מיט ה' **מעניעק בראון**

די הארציגסטע ברכות און פיעל גליק ווינשען

מוטער און געשוויסטער

מזל-טוב צו דער תנאים פון אונזער ליעבען זוהן **מעניעק בראון**

מיט פרל. **ביאנקא שמולעוויטש** ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט

עלטערן און געשוויסטער

אונזערע פריינד זיסל און וועלוועל ליפשיץ צו די תנאים פון זייער זוהן

לעאן ראטענבערג מיט פרל. **מגר. טאשקא ווייצענבלאט** א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת, דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט ווינשען

יוסף רובינשטיין און פאמיליע

מזל-טוב מיינע פריינד זיסל און וועלוועל ליפשיץ צו די תנאים פון זייער ל. זוהן

לעאן ראטענבערג מיט פרל. **מגר. טאשקא ווייצענבלאט**

דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט ווינשט

מיכאל רוזשעוויטש

אונזער פריינד **יהודה ווילינגער** צו זיין חתונה מיט פרל. **פראניא מלינארטשיק**

א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען

יצחק מאיר סטאפניצער. דוד גליקסמאן און פרוי

יעקב איזראעלאוויטש און פרוי

Z intencji zaślubin naszych serdecznych przyjaciół

SONI GOTLIB z SZAJKIEM DUŃSKIM

życzą wiele szczęścia i promiennej przyszłości

Koledzy: Holand, Gewercman, Gruca

Z intencji zaślubin przyjaciółki SABY GOTLIEB z SZAJKIEM DUŃSKIM życzą dużo szczęścia i pomyślności

Bianka, Meniek, Dawid

צו די תנאים פון אונזער שוועסטערן-טאכטער **פעלא אפעלאוויטש**

מיט ה' **סענדער מאלץ**

א הארציגען מזל-טוב און די עלטערן פיעל נחת ווינשען

יצחק גרייצער און פאמיליע

Z powodu przedwczesnego zgonu b. p.

dyr. Zygmunta Markowicza

składają wyrazy głębokiego współczucia Dyrekcji Gnaszyńskich Zakładów Przemysłowych

Zakłady Mechaniczne S. Działoszyński.

קורצע ידיעות פון דער וועלט.

— אין בריסעל איז געשטארבען דער געוו. בעלגישער פרעמיער ושאספאר. דער פערשטארבענער מיניסטער איז לעצטענס בעאויפטראגט געווארען דורכ'ן בעלגישען קעניג צו שאפען א נייע רעגירונג.

— א סענסאציע האט ארויסגערופען די דעמיסיע פון אונגארישען פרעמיער אימרעדי, דעם שעפער פון די שארפע אנטיסעמיטישע געזעצען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אימרעדי שטאמט פון יודען און דאס זאל זיין די סיבה פון זיין דעמיסיע.

— דער טשעכאסלאוואקישער מיניסטערען-ראט האט פערעפענטליכט א בעשלוס וועגען דער עמיגראציע פון יודען. אלע עמיגראנטען-יודען וועלען בעשטייערט ווערען מיט א הויכען אבצאהל פון 20 ביז 50 פראצענט אבהענגיג פון דער סומע לטובת א ספעציעלען פאנד צו שטיצען די יודישע אויסוואנדערונג.

— פאר מוסאליני'ס הויז אין רוים איז אויסגעפיהרט געווארען אן'אטענטאט. דעם אנפאלער'ס קויל האט געטראפען א פאליציי-אגענט.

— די ענגלישע פרעסע רעדט ארום די רייזע פון מיניסטער בעק קיין לאנדאן. אין די ערשטע טעג פון חודש מערץ. צווישען אנדערען ווערט דערצעהלט, אז אין לאנדאן וועט בעהאנדעלט ווערען די פראגע וועגען א הלואה פאר פוילען אויף בעוואפנונגס-צוועקען און צו פערגרעסערן דעם פלאט.

— א גרופע אונאבהענגיגע דעפוטאטען מיט דודזינסקי'ן בראש האבען בעשלאסען אריינצוטראגען אין סיים אן'אייגענעם געזעץ פראיעקט וועגען ענדערען די וואהל-ארדינאציע. פערשטענדליך, אז דער דאזיגער פראיעקט טראגט בלויז א דעמאנסטראטיווען כאראקטער, ווייל דער „אזאן" וועט פאר איהם נישט שטימען, נאר גרייט צו אן'אייגענעם פראיעקט.

צום פריבצייטיגען טויט פונ'ם מיטגליד פון קהלה-ראט

נ"ע **זיגמונט מארקאוויטש**

דריקען אויס דער פעריתום'טער פאמיליע דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

ראט און פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה

אין טשענסטאכאוו.

די באבע האט זיך איהם געחלומ'ט...

קליינער פעליעטאן

איך האב זיך דערשראקען, אנקוקענדיג מיין שכן ישראל יודל א בלאסען, אנ'אויסגעמאטערטען, א נישטדערשלאפענעם. וואס איז? - פרעג איך ישראל יודלען - וואס פאר אנ'אומגליק האט אייך, חלילה, געטראפען. קוקט נאר ווי איהר זעהט אויס - רוק איך איהם א שפיגעל צום פנים - א שענערען לייגט מען דאך אין ד'רערד אריין!

— ס'איז גארנישט - ענטפערט מיר מיין שכן מיט א האלב מויל - חלום חלמתי, איך האב די נאכט געהאט א שרעקליכען חלום, מיין עלטער-באבע האט זיך מיר געחלומ'ט, בין איך טאקי געקומען צו אייך - זאגט ווייטער מיין שכן - אז איהר זאלט מיר פותר חלום זיין.

— איך בין נישט קיין יוסף און קאן נישט בעשיידען קיין חלומות. פונדעסטוועגען - זאג איך ווייטער - וואלט גישט געשאדט, אז איהר זאלט מיר דערצעהלען, וואס אייך האט געחלומ'ט, ווייל טאמער וועט מען דעם חלום נישט קאנען פותר זיין, איז דער עיקר חלום אפשר אליין אויך אינטערעסאנט.

— געווען איז עס מאנטאג ביינאכט - הויבט אן מיין שכן צו דערצעהלען זיך חלום - אין זאל פון האנדווערקערקלוב אויף דער פארלעזונג פון ד"ר אקסער אויף דאס טעמא: „די טאטאל מלחמה און די פליכטען פון דער ציווילער בעפעלקערונג אין דער הינזיכט פון לופט-פערטיידיגונג". ווי אזוי איך קום אויף דעם דאזיגען רעפעראט איז נישט קיין קשיא, כ'בין געגאנגען דערפאר, ווייל כ'האב געוואלט געהן... דער פרעלעגענט האט געשילדערט ווי אזוי עס וועט אויסזעהן די קינפטיגע מלחמה. ער האט עס בעוויזען מיט פערשידענע פאקטען, פארגעשטעלט אזעלכע סלאיקעס מיט גאזען, וואס זענען עלול אין עטליכע מינוט א שטאדט חרוב צו מאכען. איבערהויפט האט דער פרעלעגענט זעהר אויספיהרליך און בולט געשילדערט די פאלגען פון דער קינפטיגער מלחמה.

— דער רעדנער האט זיך ברייטער אבגעשטעלט - דערצעהלט ווייטער ישראל יודל - אויף די פליכטען פון דער פוילישער בעפעלקערונג, וועלכע האט נישט קיין מאזשינא-ליניע און איז בעדראהט בעת א מלחמה פון עטליכע זייטען. אזוי וועט אויסקומען, אז די פוילישע בעפעלקערונג וועט מיט איהרע ברוסטען און איבערגעבענעם פאטריאטיזם מוזען פערטיידיגען דאס פאטערלאנד געגען די בייזע שונאים, און אויך מיר יודען - רעדט דער רעפערענט מיט פאטאס - אלס טרייע בירגער פון פוילען, וואו מיר זענען געבוירען און ערצויגען געווארען, וואו מיר לעבען קנאפע טויזענד יאהר, זענען פערפליכטעט זיך צו שטעלען אין די פאדערשטע רייהען און צוזאמען מיט'ן פוילישען פאלק קעמפען געגען די אויסערליכע שונאים. און אז יודען זענען טרייע בירגער פון פוילען, איז שוין טויזענד מאל פעסטגעשטעלט געווארען. אזוי האבען ורען זייער לעבען און פערמעגען מקריב געווען בעת די פערשידענע פאוסטאניעס פון 1831 און 1863. דאן די גרויסע מחנות יודישע רעוואלוציאנערען, וועלכע האבען צוזאמען מיט די איידעלסטע קינדער פון פוילען, געקעמפט אין די יאהרען 1905 4 פאר פוילענס אונאבהענגיגקייט און שפעטער אין די לעגיאנען פון מארשאל פילסודסקי, אין דער מלחמה מיט די באלשעוויקעס אז"וו אז"וו, איז דאך בלי ספק, אז אויך היינט, ווען די יודישע יוגענד ווערט אויפגעצויגען אין גייסט פון פאטריאטיזם פאר'ן פאטערלאנד, וועלען זיך אלע שטעלען בעת א סכנה אין די פאדערשטע רייהען און מיט זייער בלוט קעמפען פאר דער גאנצקייט פון די פוילישע גרעניצען.

— וואס אנ'אמת - זאגט ווייטער מיין שכן - בין איך פון דער דאזיגער רעדע בעגייסטערט געווארען, כאטש איך בין בטבע א פאציפיסט, א רוהיג מענשל, דאך האב איך געפיהלט, אז אויך איך, ישראל יודל, וועל בעת א מלחמה נישט בלייבען זיצען אינדערהיים, נאר וועל לויפען קעמפען, פערטיידיגען מיין פויליש פאטערלאנד, און אט מיט די דאזיגע געדאנקען בין איך געגאנגען אהיים, אריינטראכטענדיג וועגען דער קינפטיגער מלחמה, וואס וועט טאקי זיין גרויזאם, אבער אין וועלכער אויך איך וועל שפילען א ראל, מקריב זייענדיג מיין לעבען פאר א גערעכטער זאך, נאר אזוי ווי כ'בין געקומען אין גאס אריין, בין איך צוטומעלט געווארען, איך האב געזעהען מאסען מענשען, די געשרייען געהען עד לב השמים, פלוצים ווערט א געלויף, איך בעהאלט זיך אין די טויערען און פונדערווייטענס זעה איך ווי א המון בעפאלט א מענשען, מען שלאגט איהם איבער'ן קאפ און דער קרבן שרייט מיט יאמערליכע קולות. די ערשטע מינוט האב איך געמיינט, אז דאס איז א פאנטאזיע, אז דאס איז א האלוצינאציע, וואס קומט אלס רעזולטאט פון דער ערשט נאר וואס פארגעקומענער פארלעזונג, מיט וועלכער איך האב זיך אזוי שטארק איבערגענומען, נאר באלד האב איך זיך איבערצייגט, אז דאס איז נישט קיין חלום, נאר א ווירקליכקייט, אויף מיינע פלייצעס האט אנגעקלאפט א ווידערקול פון א שטעקען און א וועהטאג האט זיך אריינגעכאפט אין מיינע ביינער. דערביי הער איך א געשריי: ביטש גא, ביטש גא. דורך א גס בין איך ארין אין א טויער און ניצול געווארען פון א זיכערען טויט.

א פאר שעה - דערצעהלט ווייטער מיין שכן - האט מיר מיין ווייב געלעגט קאמפרעסען אויף מיין צושפאלטענעם קאפ, וועלכער האט געליטען פון פיזישען וועהטאג, נאר נאך מעהר האט מיר נעבלוטיגט דאס הארץ, וואס איז ערשט געווען היים און ווארעם מיט ליעבע געפיהלען צום לאנד און פאלק.

א לענגערע צייט האב איך צוליעב פיזישע און נאך מעהר צוליב מאראלישע יסורים, נישט געקענט איינשלאפען, נאר הפנים, אז איך בין יא איינגעשלאפען, ווייל פלוצים האב איך געפיהלט, ווי א פרזי לייגט מיר ארויף א קאלטע האנד אויף מיין הייסען שטערן. איך קוק אן די פרוי און דערקען זי נישט, און איידער איך האב נאך בצוויזען צו פרעגען ווער זי איז, האט זי צו מיר אנגעהויבען שמייכלען און מיר געזאגט: איך בין דיין עלטערבאבע פייגל, וואס מאכסטו קינד?

באבע - האב איך זיך צווויינט - וואס וויל מען פון מיר, ווען טהו איך שלעכטס, איך האב דאך נישט קיין רוה, מען יאגט מיך פון אלע זייטען, מען שטשירעט אויף מיר אויס די ציינער, מען שלאגט מיך, מען פייניגט מיך, מען רייסט מיר ארויס דעם ביסען פון מויל, מיין מענשליכע ווירדע ווערט געטרעטען מיט די פיס, מיינע ליעבע-ערקלערונגען ווערען אויסגעלאכט, איך בין דאך ווי א פערוואגעלטער הונד, אהן א היים. און אין אלעם ביזטו שולדיג, באבע. פארוואס - האב איך זיך צושריגען - ביזטו נישט אנטלאפען פון דעם פערהאסטען פאלק? ווען דו, עלטער-באבע, וואלסט דאמאלס געהאט שכל, וואלט דאך מיר געווען וואויל און פיין, וואלט איך דאך איצט געווען צווישען די פערפאלגער און נישט צווישען די פערפאלגטע... באבע, באבע - האב איך זיך צוכליפעט אויפ'ן קול - פארוואס האסטו נישט רחמנות געהאט אויף דיין אייניקעל...

מיין עלטער-באבע האט מיר אבגעווישט די טרעהרען פון די אויגען מיט א שטיל קול האט זי מיר אריינגעשעפטשט אין די אויערען: בערוהיג דיך מיין קינד, נישט דו אליין ליידסט צוליב דער נארישקייט פון דיין עלטער-באבע, נאר גרעסערע מענשען האבען פון זיי צרות. נעם, למשל, גיט מיר די באבע א וויזז אויף מאדיארען-לאנד, דארט איז געווען אן'עלטערבאבע. וואס האט שוין יא געהאט שכל און וואס קומט דערפון ארויס, אז צוליב איהר האט איהר אוראייניקעל געמוזט רעזיגנירען פון פרעמיער-שטוהל, אימרעדי הייסט ער, און אויך אנדערע גרויסע לייט פון אייראפא, וועלכע פייניגען יודען, וועלען האבען א מיאוס'ע מפלה צוליב דעם, וואס מען וועט זיך דערמאנען אין זייערע עלטער-באבעס, סא איז דאך שוין גלייכער, אז מיר האבען דאס נארישקייט נישט געטהון, ווייסען אונזערע אייניקלעך כאטש, אז זיי ליידען דערפאר ווייל זיי זענען יודען. די אור-אייניקלעך אבער פון יענע באבעס האבען אין לעבען א גרעסערע טראגעדיע. און זיי רוהיג אלע שונאי ישראלים וועלען האבען אזא שווארצען סוף צוליב די נארישקייטען פון זייערע באבעס...

ווען כ'בין אויפגעקומען האב איך שוין די באבע מעהר נישט געזעהן און פערשטאנען, אז דאס איז מיין עלטער-באבע מיר געקומען צו חלום.

אויסהערענדיג די מעשה פון מיין שכן, האב איך איהם געטרייסט: זייט נישט פערצווייפעלט ישראל יודל, גישט צו אייך אליין נאר צו גרעסערע פון אייך קומען זייערע עלטער-באבעס צו חלום...

סמאל

פראבלעמען פון יודישען לעבען

פון י. לעשטשינסקי

דאס יודישע לעבען איז אויפגערודערט און צוטרייסעלט ביז זיינע סאמע טיפסטע פונדאמענטען. אויב אין איירא פא איז אנגעריהרט די באזע פון דער פיזישער און מאטעריעלער עגזיסטענץ פון מיליאנען יודען, איז גאר נישטא קיין איין יודישע נשמה אין דער גאנצער וועלט, וואס זאל נישט זיין אויפגעציטערט פון די צרות און רדיפות, וואס וואלגערן זיך אן אויף די יודישע מאסען. און אזא צייט לייגט ארויף גאר בעזונדערע פליכטען: נישט נאר פעסטשטעלען פאקטען און געשעהענישען, נאר אויך לערנען פון זיי און ציהען קאנסעקווענצען; און דער עיקר און פריהער פון אלץ מעהר פון אלץ רופען צו מעשים, צו אקטיוויטעט, צו ווידערשטאנד, צו קאמף.

נישטא אזא לאגע, פון וועלכער עס איז נישטא קיין אויסוועג. און דאס יודישע פאלק איז שוין געווען אין ערגערע קלעמען, אין טיפערע אבגרונדען, צווישען ציין פון נאך ווילדערע חיות—און מיר זענען ארויס די זיגערס, יעדענפאלס אין דעם זין, אז מיר האבען ווייטער געוועבט אונזער היסטארישען פאדים, נאר נישט פערצווייפלען, נאר נישט איינרעדען דעם פאלק, אז מיר אליין פערמאגען נישט גענוג כוחות אויף אויסקעמפען און אויפבויען א ניי יודיש לעבען.

מען ווארפט אויף אונז א פאניק וועגען דער לאגע פון ציוניזם, אז מען וואלט געקאנט מיינען, אז דאס איז דער ערשטער קריזיס, אויף וועלכען דער ציוניזם שטויסט זיך אן. ווייסען מיר דאך אבער, אז דער ציוניזם האט איבערגעלעבט א סך שווערערע קריזיסען אין צייטען, ווען ער האט נאך נישט געהאט אין לאנד אזעלכע טיפע ווארצלען. און נאך יעדען קריזיס איז ער אויפגעשטאנען א פרישערער און מיט נייע און בענייטע כוחות זיך גענומען ווייטער בויען, ווייטער פלאנצען און וואקסען. ציוניזם איז איינע פון יענע פאלקס בעוועגונגען, וואס שעפען כוחות פון די אינטימסטע קוואלען פון דער פאלקס נשמה און קיין שטורמס קאנען איהם נישט פערניכטען.

אין די דריי יאהר פון בלוטיגען קאמף האט מען אויפגעשטעלט נייע 36 קאלאניעס—און ווי אויפגעשטעלט! מיט וועלכער העלדישקייט! מיט וואס פאר א קרבנות גרייטקייט! מיט וואס פאר א פשוט'קייט און נאטירליכקייט פון זיך ברענגען פאר א קרבן און פון בויען א יודיש לעבען! שוין דאס אליין דארף, דוכט זיך, פערצויבערען יעדען מענש, וואס האט נאר א נשמה אין גוף. און וואס האט א חוש פאר מסירת נפש. אין לעצטען יאהר, א יאהר פון ביטערן, פיזישען און עקאנאמישען קאמף, זענען דאך געקומען קיין ארץ ישראל העכער 13 טויזענד יודען. דאס איז לויט אפיציעלע דאטען, אין דער ווירקליכקייט זענען געקומען פיעל מעהר.

———

מען וויל איינרעדען יודען, אז אין א"י קומט פאר א פאגראם, אבער יודען שרעקען זיך נישט. און יודישע מאמעס און יודישע טאטעס שיקען זייערע איינציגע קינדער קיין א"י מיט פרייד און מיט דער טיפסטער שמחה בעגלייט מען ארויס קיין א"י דעם גאנצען זעלישען פערמעגען, וואס א מענש פערמאגט: דעם איינציגען זוהן אדער די איינציגע טאכטער. שוין דאס אליין דארף, דוכט מיר, ארויסרופען ביי יעדען מענשען, מעג ער ווי נישט גלויבען אין א יודישער מלוכה, דרך ארץ און א געפיהל פון א גרויסער ענטציקונג.

אבער נישט נאר דאס—קאן דען עמיצער לייקענען אין דעם, אז דער א"י'דיגער יודישער ארבייטער האט בעוויזען וואונדער נישט נאר אין סוטיגען קאמף, נאר אויך אין פרט פון שאפען נייע לעבענס-פארמען? 100 טויזענד יודישע ארגאניזירטע ארבייטער, וואס זענען געווארען ממש א מוסטער פאר דער וועלט—סאציאליסטישע פיהרער פאהרען אהין און ווערען בעגייסטערט פאר די אויפטהוען אויפ'ן געביט פון שאפען אמת'ע פרייע, אבסאלוט פרייע סאציאליסטישע לעבענס פארמען. געגנער קומען אהין און פערלירען זייער לשון און מוזען בענשען אויפ'ן ארט פון שעלטען.

———

און טאקע דער בלוטיגער קאמף ווי העלדיש און ווי שעהן ער ווערט געפיהרט, ס'איז שוין איצט ביי קיינעם קיין ספק נישט, אז די 425 טויזענד יודען וואלטען געקאנט ענטפערען אויף טעראר מיט טעראר, אויף מארד מיט מארד. אבער דער ישוב האלט נישט פון מארדען און שלאגען, נאר פון בויען און פלאנצען און זיך פערטיידיגען, ווען דאס איז נויטיג.

איז קיין חידוש נישט, וואס א"י, סיי אלס איינוואנדערונגס-לאנד און סיי אלס האפנונגס-לאנד מאכט פיבערן יעדע יודישע נשמה, אבער מיר וואלטען נישט געווען גערעכט צו די שרייענדיגסטע נויטען פון יודישען לעבען, ווען מיר וואלטען בעהויפטעט, אז דערמיט שעפט זיך אויס די אויסזיכטען פון וועלט יודענטום.

דער קאמף אויף די ערטער פאר פאליטישע און עקאנאמישע גלייכבערעכטיגונג קאן נישט אבשאפען דעם פאקט, אז הונדערטער טויזענדער, ריכטיגער, מיליאנען שטעהן גרייט צו אויסוואנדערען און טרוימען וועגען א מקום מנוחה.

פון איין זייט וואלגערן זיך אין קיינעמס לאנד פון 12 ביז 15 טויזענד יודען. מען שטארבט פון הונגער און קעלט און מען ווערט משוגע פון האפנונגסלאזיגקייט. און ס'ווערען אויך געבוירען יודישע קינדער אין קיינעמס לאנד. ווי סימבאליש דאס איז—קיינעמס לאנד קינדער פון היימלאזען פאלק! און אין די לאגערן פון האלאנד און בעלגיע, פון טשעכאסלאוואקיע, פון ענגלאנד און יוגאסלאוויע ווארטען ווידער פון 25 ביז 30 טויזענד יודען אויף א מעגליכקייט צו פאהרען — זיי האבען דארטען נישט קיין ארבייטסרעכט און זייער וואוינרעכט איז אויך בעגרעניצט. און אין נאצי-לאנד זענען נאך אויך פערהאן 450 טויזענד יודען, וועלכע מען מוז ארויסראטעווען. און אט שטייען שוין מיט פערחלש'טע הערצער און מיט געבויגענע פיס 150 טויזענד אויסגעבויגערטע יודען פון רומעניע און מאהנען ביים יודישען פאלק א ארט פאר לעבען און ארבייטען. און נאך זיי ציהען זיך רייהען פון ארויסגעווארפענע פון זייערע פּרנסות אונגארישע יודען, אין די צענדליגער טויזענדער. דאס אלץ פערשטארקט נאר דעם דראנג צו ארויסרייסען זיך, אבער די סיבות, וואס צווינגען צו טראכטען וועגען אויסוואנדערונג, זענען א סך טיפער און גרינדליכער, און דערביי שטייען הונדערטער טויזענדער יודען מוכן ומזומן צו נעמען דעם שטעקען אין האנד אריין און זיך לאזען אין דער וועלט.

איז קיין חידוש נישט, וואס דער עמיגראציע פראבלעם און פאלגליך דער קאלאניזאציע פראבלעם איז די צענטראלסטע פראגע פון יודישען לעבען, ממש טאקע די עגזיסטענץ פראגע. און דא זענען פארגעקומען קאלאסאלע ענדערונגען, וואס וועלען געוויס האבען א גרויסען איינפלוס אויף אונזער גאנצער צוקונפט.

פון לאנדאן קומט א דעפעשע, אז אן'אמעריקאנער יודישע ארגאניזאציע קלויבט זיך שיקען אן'עקספעדיציע קיין גוויאנא. וועלען מיר נישט אויסזאגען קיין גרויסען סוד, אויב מיר וועלען דערצעהלען, אז די דאזיגע יודישע ארגאניזאציע בעשטעהט פון גאר אנגעזעהענע און בעקאנטע יודישע פינאנסיסטען און אז זי שטעהט אין א קאנטאקט מיט דער אמעריקאנער רעגירונג. אין אינטערעסאנט איז, אז די דאזיגע גרויסע יודישע פינאנסיסטען, וועלכע האבען נאך צוריק מיט איין יאהר מורא געהאט פאר יודישער קאנצענטרירטער קאלאניזאציע און האבען געוואלט נאר, אז יודישע עמיגראנטען זאלען צעשפרייט ווערען איבער א סך לענדער און מען זאל זיי נישט אנזעהן — אט די זעלבע לאנגיעהריגע אסימילאטארען האבען געשטעלט א תנאי דער ענגלישער רעגירונג, אז זי איז מסכים צו שיקען אן'עקספעדיציע, נאר אויב דאס פארגעלעגטע לאנד וועט זיין אזוי גרויס, אז מען זאל קאנען טראכטען וועגען בעזעצען מיליאנען יודען.

———

און אפשר וועט שוין אויך נישט זיין קיין סוד, ווען איך וועל דערצעהלען, אז א זעהר אנגעזעהענער פיהרער פון דער „הסתדרות" און נישט קיין פערחלומ'טער טעארעטיקער, נאר א פראקטישער טהוער, האט ערקלערט, אז די „הסתדרות" וואלט געדארפט שיקען 10 טויזענד חלוצים פון ארץ-ישראל אויף אנפיהרען די אנהויב ארבייט פון קאלאניזאציע אין א ניי לאנד. דער דאזיגער פיהרער האט קלאר און אפען ערקלערט, אז נישט נאר ער האט מורא פאר קאנקורענץ, נאר ער גלויבט, אז קאלאניזאציע נאך אין א לאנד וועט אויף אזוי פיעל פערשטארקען און פערגרעסערן די כחות פון יודישען פאלק, אז אויך פאלעסטינא וועט פון דעם געניסען.

און מען שמועסט, אז דער בעזוך פון דר. ווייצמאן ביים האלענדישען יוד יוד וואולף, וואס האט זיך מיט אזא אימפעט אריינגעווארפען אין דער קאלאניזאציע פראגע, שטעהט אויך אין צוזאמענהאנג מיט פראיעקטען פון ברייטער נאציאנאלער קאלאניזאציע אין לענדער מחוץ ארץ ישראל. ווי בעקאנט שטעהט דער דאזיגער וואולף פאר א גרויסען אנטייל אין דער פאלעסטינא ארבייט, אבער נישט אויסשליסליך. פון דער צווייטער זייט האט ד"ר ווייצמאן אויף דער לעצטער זיצונג פון אקציאנס קאמיטעט געגעבען קלארע אנצוהערענישען, אז ער בעטראכט ארץ-ישראל ווי א שליסעל, מיט וועלכען מען דארף עפענען די טהיר צו א גרויסען בנין. מען טייטשט דאס אויס ווי א רמז אויף דעם, אז די ציוניסטען זאלען אויסברייטערן זייער קאלאניזאציע פראגראם.

———

די יודישע עמיגראציע און קאלאניזאציע-פראגע איז געווארען א צענטראל-פראבלעם נישט נאר פאר די יודישע מאסען, וואס טרינקען זיך אין ארימקייט און רדיפות. זי איז געווארען דאס פראבלעם פון וועלט יודענטום און פון יענע נישט-יודישע רעגירונגען און געזעלשאפטליכע קרעפטען, וועלכע זענען אונזערע גאנצע אדער האלבע פריינד.

צוויי מיליאן יודען אין ניו-יארק

פון וואס לעבען די יודען אין דער וועלט שטאדט? — אביסעל סטאטיסטיק

ווען מען פערברענגט א געוויסע צייט אין ניו יארק און מען קוקט זיך צו נעהנטער צום לעבען, זעהט מען, די גרויסע ראלע וואס די צוויי מיליאן יודען שפילען אין דער גרעסטער שטאדט פון דער וועלט. נישטא איין געביט, וואו יודען זאלען נישט זיין פערטרעטען—אין מלוכה'שען און מוניציפאלען לעבען, אין דער אינדוסטריע ווי אין האנדעל, אין דער וויסענשאפט, קונסט, פרייע פראפעסיעס—כמעט איבעראל פערנעמען יודען אויבען אן און זענען די הויפט טאן-געבער. בעזונדערס איז דאס נוגע דער אינדוסטריע און האנדעלס וועלט.

עס איז גענוג צו מאכען א שפאציר איבער ניו יארק און זיך אביסעל אויפמערקזאמער צוקוקען צו די אויפשריפטען אויף די גרויסע ווארען-הייזער און געשעפטען, אריינבליקען אין די בילאנסען פון די בענק, טרעסטען, ווארענהייזער וכדומה, בכדי זיך איבערצייגען, אז די פערשידענע דזשייקאבס, דזשאָזעפס און סעמועלס, מיט וועלכע עס שווימעלט און גריבעלט דארט, זענען אין דער אמת'ן אונזערע היימישע גוט בעקאנטע יעקב'ס, יוסף'ס און שמואל'ס, די אמאליגע קליין שטעדטעלדיגע יודען, אויסוואנדערער פון די ליטווישע אוקראאינישע, פוילישע און גאליציאנער שטעדטלעך, וועלכע האבען אין אמעריקא בעוויזען זיך צו פערוואנדלען אין דירעקטארען, באנקירען, דאקטוירים, אדוואקאטען א. א.

עס איז גענוג אדורכצוגעהן מיטאגצייט, צווישען 12 און 2 א זייגער די 8-טע עוועניו, אין ראיאן פון „טיימס-סקוועיר" און די 7-טע עוועניו, כדי זיך איבערצייגען, אז למשל, די הערען און דאמען-שניידער אינדוסטריע און די פעלץ-בראנזשע, וואס האט זיך איינגעארדענט אין יענעם ארט געפונען זיך כמעט אויסשליסליך אין די יודישע הענד.

אין די דערמאנטע צוויי שעה פערלאזט דער ארבייטער-עולם די גרויסע פאבריקען און ווארשטאטען, כדי צו עסען מיטאג און אריינכאפען אביסעל פרישע לופט. אויף א רפואה וועט איהר דעמאלס נישט זעהען אין גאס קיין נישט יודיש פנים. אין די טויזענדער שפאצירען זיי ארום, אהין און צוריק די יודישע ארבייטער.

דער ניו-יארקער סטאטיסטישער אמט האט מיט א צייט צוריק פערעפענטליכט אינטערעסאנטע ציפערען וועגען דעם, פון וואס עס לעבען די אכט מיליאניגע ניו-יארקער בעפעלקערונג און בתוכם אויך די 2 מיליאן יודען.

מיר דערוויסען זיך, אז די צאהל יודען וואס האבען זייערע הכנסות סיי אלס לוין-ארבייטער, סיי אלס ארבייטסגעבער מאכט אויס א קנאפען מיליאן.

פון די 34 טויזענד פאבריקען געהערען צוויי דריטעל צו יודען, דאגעגען יודישע לוין-ארבייטער זענען אין זיי פערהאן בלויז א דריטעל.

די פוטער-אינדוסטריע, ווי געזאגט, ליגט אינגאנצען אין יודישע הענד, סיי לויט די לוין-ארבייטער, דאס זעלבע איז אויך בנוגע די קאנפעקציע-בראנזשע.

אין דער פאפיער בראנזשע זענען די אונטערנעהמער העכער א העלפט יודען, דאגעגען די לוין-ארבייטער—בלויז א פינפטעל יודען. דאס זעלבע קען מען אויך זאגען וועגען דער האלץ אינדוסטריע, וואו א העלפט ארבייטסגעבער זענען יודען אבער די ארבייטער זענען בלויז א דריטעל יודען.

די ניו-יארקער מעטאל-אינדוסטריע פערמאגט 3000 ארבייטסגעבער, פון זיי זענען העכער 1000 יודען; פון די בעשעפטיגטע פופציג טויזענד ארבייטער זענען פערהאן נאר 8 טויזענד יודען.

די צאהל יודישע אנגעשטעלטע אין די פערשידענע דעטייל-געשעפטען מאכט אויס 103.000, אין די אנגרא-געשעפטען 70.000.

פון 48.000 אייגענטימער פון שפייזקראמען זענען 35.000 יודען.

אין די צוויי קונסט-פראפעסיעס—טעאטער און מוזיק—זענען אין ניו-יארק בעשעפטיגט 22.000 יודען.

העכער 100.000 יודען זענען בעשעפטיגט אין ניו-יארקער רעסטאראנען, האטעלען און אנד.

יודישע לעהרער זענען אין ניו-יארק פערהאן 10 טויזענד, אינזשיניערען—5 טויזענד, ארכיטעקטען—טויזענד און

וואס געהערט, וואס געזעהן.

די שילער מוזען קומען צו דער צייט.

אין אלע שולען זענען פערהאנען געזעצען, וועלכע זאגען אן שטרענג, אז די שילער מוזען קומען פונקטליך צו די לעקציעס און טאמער פערשפעטיגט עמיצער, ווערט ער בעשטראפט.

זעהט מען טאקי א פאר מינוט איידער די בעשטימטע לעקציעס הויבען זיך אן, לויפען די שילער אין איילעניש אין דער שולע אריין, כדי אויסצומיידען די שטראפען.

דאס איז נוגע שילער קינדער. עס זענען אבער בזמן הזה פערהאנען אויך אנדערע שילער, שוין דערוואקסענע, וועלכע מוזען אויך געהן אין שולע און דאס גראד נישט אין דער פריה, ווען מען קאן צוליעב דעם פערדרעסערישען שלאף פערשפעטיגען, נאר די גייע מאדערנע שילער געהן אויף זייערע לעקציעס אין אווענד און פונדעסטוועגען פערשפעטיגען זיי זעהר אפט.

ס'פערשטעהט זיך, אז דאס מיינט מען די סוחרים און קליינהענדלער, וועלכע געהן אויף די סוחרישע דערגענצונגס קורסען. ווי אזוי עס זעהט אויס אין סוחרים-פעראיין ווייס איך נישט, מעגליך, אז אויך דארט איז נישט בעסער. דערפאר ווייס איך, אז אין קליינהענדלער-פעראיין פערשפעטיגען זיך די שילער זעהר אפט אויף די לעקציעס און אויף א ספעציעלער זיצונג פון פערוואלטונגס ראט איז די פראגע בעהאנדעלט געווארען און עס זענען מסתמא אנגענומען געווארען בעשלוסען ארויפצולעגען אויף די פערשפעטיגטע א געוויסע שטראף.

אלזא, שילער פון די סוחרישע שולען, נעמט אייך ארא א מוסר-השכל פון אייערע קינדער און פערשפעטיגט נישט צו געהן אויף די לעקציעס...

עס וועט זיי נישט אזוי לייכט אנקומען...

ווי איהר ווייסט איז אין יודישען שפיטאל פארגעקומען א שטיקעל ענדערונג. כדי דאס בעסער צו פערשטעהן וועלען מיר עס אויסטייטשען קלארער.

אין משך פון יאהרען האט אין יודישען שפיטאל געהערשט (אהן שום פערדינסטען דערויף) מענשען, וועלכע האבען ליעב געהאט די טיטולען. זיי האבען זיך אבער נישט געקאנט אויף ווירטשאפט און נישט אויף אנדערע ענינים, וואס האבען א שייכות צו אזא ריזיג ווערק, ווי עס איז א יודיש שפיטאל. אז דאס איז אזוי איז דאך דער בעסטער בעווייז, ווארום דאס שפיטאל איז דאך וואס אמאל אלץ מעהר געזונקען אין חובות און עס איז געווען א סכנה, אז דאס שפיטאל זאל אינגאנצען ארויסגעריסען ווערען פון יודישע הענד.

ווען עמיצער האט געווארפען אן'אפיקורסישען געדאנק, אז די דאזיגע געשוואוירענע פיהרער זענען מסתמא נישט פעהיג אנצופיהרען מיט אזא ווערק, האט מען איהם פערשריגען אלס א שעדיגער, אלס א שונא פון שפיטאל. דערווייל אבער איז די אדמיניסטראציע פון יודישען שפיטאל געזונקען אלץ טיעפער און טיעפער.

ווען עס איז שוין נישט געווען מעהר אויסצוהאלטען האבען זיך געפונען עטליכע דרייסטע יודען, טשענסטאכאווער אנגעזעהענע בעלי-בתים, וועלכע האבען געזאגט: גענוג! מיר קאנען נישט צוליעב פערזענליכע קאפריזען לאזען אונטערגעהן די קרוין (ווי עס ווערט בעצייכענט דאס יודישע שפיטאל) פון אלע היגע אינסטיטוציעס און דיזעלבע כלל מהוזר האבען קאטעגאריש געפאדערט די דימיסיע פון די ביז יעצטיגע חברה לייט און אויף זייער ארט זאלען קומען אנדערע פעהיגערע, דערביי האבען די כלל טהוער געגרינדעט א געזעלשאפט א. נ. „פריינד פון יודישען שפיטאל" און געזאמעלט א גרויסע סומע געלד. היות אבער ווי זיי האבען געהאלטען, אז די אלטע שפיטאל גבאים זענען נישט פעהיג אנצופיהרען מיט'ן שפיטאל, קאן מען זיי נישט אנגעטרויען די געלטער, וועלכע זיי וואלטען בעגראבען במהרה בימנו.

האט זיך אנגעהויבען א קאמף. די אלטע האבען נישט געוואלט אבטרעטען (ווער ווייסט צוליעב וואספערע סיבות...) און די נייע, די געלד-זאמלער, האבען זיי דאס געלד נישט געוואלט אנטרויען. האט מען זיך אנגעהויבען דינגען, אונטערהאנדלען, צוקריגט זיך און זיך צוריק איבערבעטען און ווידער זיך צוקריגט און צום הונדערטסטען מאל זיך ווידער צונויפגעקומען, ביז ענדליך מען איז געקומען צו א פשרה — עס זאלען אין דער נייער פערוואלטונג פון שפיטאל אריין פרישע כחות, נאר עס זאלען אויך בלייבען די אלטע.

ווען די נייע זענען צוגעטרעטען צו דער ארבייט, איז זיי געווארען נעביך פינסטער פאר די אויגען. זיי האבען געזעהען אזא חורבה, וואס ס'האט זיך זיי אפילו נישט געחלומ'ט, אזא אונארדנונג, אזא באלאגאן, אזא פערנאכלעסיגונג, אזא... אז גלייכער וועט זיין אויב מען וועט וועגען דעם שוין נישט רעדען...

איין זאך, וואס איז ווערט, אז מען זאל וועגען דעם יא ברייטער רעדען איז דאס, אז צו דער נייער פערוואלטונג פון שפיטאל קאן מען האבען דאס

פונקט אזויפיל כצמיקער.

די צאהל יודישע דאקטוירים בע-טרעפט 7.000, אדוואקאטען—12 טויזענד, דענטיסטען—4 טויזענד, פאטאגראפיס-טען—2 טויזענד.

פון די 96.961 אנגעשטעלטע אין די אנשטאלטען פון עפענטליכען גע-בראיך זענען 21 טויזענד יודען. (18 טויזענד אין דער שטאדט אדמיניס-טראציע און 3 טויזענד אין די פאסט-אמטען, אויסער דעם ארבייטען 5 טויזענד יודען ביים טעלעגראף, טע-לעפאן, אויף די טראמוואיען, גאז און עלעקטריצ-אנשטאלטען.

25 טויזענד יודען זענען בעשעפ-טיגט אין דער טראנספארט אינדוס-טריע.

דער איינציגער צווייג וואו יודען זענען ערשט נישט לאנג צוריק אריינ-געדרונגען, איז די שיך אינדוסטריע. מיט א צעהנדליג יאהרען צוריק זענען יודען אין דעם צווייג כמעט אינגאנצען נישט געווען פערטרעטען סיי אלס ארבייטסגעבער און סיי אלס ארבייטס-נעמער. דער הויפט-צענטר פון דער פאבריקאציע איז געווען באסטאן און עטליכע שטעדטלעך ארום.

ערשט מיט יאהרען צוריק האבען יודען אנגעהויבען אריינשטעלען א פוס אויך אין דער דאזיגער פראדוק-ציע, איינגעמענדיג איין פאזיציע נאך דער אנדערער און די יודען האבען זיך אויף אזוי ווייט דערשלאגען, אז איבער ניינציג פראצ. פון דער פרויען-שיך אינדוסטריע און ארום 50 פראצענט פון דער מענער, געפונען זיך יעצט אין יודישע הענד.

מען דארף נישט פערגעסען, אז די אלטע איינגעפונדעוועטע קריס-טליכע פירמעס האבען געהערט צו גרויסע קאפיטאליסטען, וועלכע האבען זיך געקענט פערגינען אויפצונעמען א קאמף מיט די יודישע קבצני'שע ווער-שטאטען. און זיי האבען דאס אויך געטהון, נישט איין יודיש פאבריקאנ-טעל האט געמוזט אבטרעטען דעם וועג די גרויסע אלטע פירמעס.

אבער געזיגט האבען סוף כל סוף פארט די קליינע יודישע פאבריקאנ-טלעך און געזיגט האבען זיי נאר א דאנק זייער געוואלדיגער אונטערנעה-מערישקייט און איינפאלען, וועלכע האבען אריינגעברענגט אנ'איבערקעה-רעניש אין דער שיך אינדוסטריע.

מיט פרויען שיך קען מען פיעל מעהר עקספערימענטירען אויפ'ן געביעט פון מאדע און קאליר ווי מיט מענער שיך און דערמיט ערקלערט זיך עס טאקי, וואס דא זענען יודען א סך שטארקער פערטרעטען.

אין דער פרויען שיך-אינדוסטריע האט די יודישע איניציאטיוו זיך גע-האט וואו ארויסצוווייזען, דאגעגען די נישט יודישע פאבריקאנטען זענען געווען קאנסערוואטיוו אין זייער גע-שמאק און האבען זיך אזוי לייכט נישט געקענט צוגעוואוינען צו די נייקייטען, וועלכע די יודישע פאברי-קאנטען האבען ארויסגעווארפען אויפ'ן מארק.

יודען האבען יעצט די גרעסטע שיך פאבריקען אין לאנד, און די בע-ריהמטע יודישע „מיילס" פירמע, למשל, האט שוין איצט אין איהר אייגענטום גאנצע 115 שיך-פאבריקען אין גאנץ אמעריקא.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

תרומה

ויקחו לי תרומה

און קאליש איז געווען א ראש הקהל בעריש שימקעוויטש, וועלכער האט געפיהרט דאזארסטווע ביד רמה. צוליב געוויסע טעמים איז דער קהלה-שטייער אין יאהר 1900 געהעכערט געווארען אויף דאפעלט און דעריבער האבען ד' צאהלער זיך אבגעזאגט פון געבען גוט-וויליג דעם אבצאהל.

דער ראש-הקהל האט דעם צעטעל פון די, וועלכע האבען זיך ענטזאגט פון צאהלען עטאט, איבערגעשיקט דעם מאגיסטראט, וועלכער האט געמאכט עקזעקוציעס און פערקויפט דאס מע-בעל אויף צו דעקן דעם עטאט.

ווען איינער פון די אנגעזעהענע קא-לישער בעלי-בתים האט געפרעגט פאר-וואס דער דאזאר איז מוסר ממון ישראל ביד עכום און מאכט אומויסטע קאס-טען, האט בעריש שימקעוויטש גע-ענטפערט: איך בין א יוד, וועלכער האלט פון דער תורה און די תורה זאגט: ויקחו לי תרומה — מ'דארף נע-מען א קהלה-שטייער און ווייזט גלייכ-צייטיג אן: מאת איש אשר ידבנו לבו — דער יוד, וועלכער איז א נדבן און גיט א סך צדקה גוט-וויליג, תקחו את תרומתי — זאלט איהר מיט איהם פערטיג ווערען וועגען קהלה-שטייער און זיך נישט צופיעל דינגען, וזאת התרומה אשר תקחו מאתם — פון די אבער, וועלכע געבען נישט אויף קיין שום דבר טוב, זאלט איהר נישט קוקען און מאכי מאכען עקזע-קוציעס. דאס ערשטע זאלט איהר צו-נעמען זהב, דאן כסף ונחשת, דאס הייסט גאר פשוט — געלד. אויב איהר וועט ביי זיי קיין געלד נישט געפונען, זאלט איהר נעמען פון געשעפט תכלת וארגמן ותולעת שני — מאנופאקטור, גאלאנטעריע - סחורה א. א. וו. אויב דער פאטענט וועט זיין אויפ'ן ווייב'ס נאמען, נעמט: ערת אילם וערת תחשים — דאס פוטער מיט'ן ווייב'ס קאראקול-מאנטעל, אבני שהם ואבני מלאים — די פינגערלעך מיט די ברילאנטען. דאס אלעס — האט געענטפערט דער ראש-הקהל — הייסט די תורה נעמען פון אזעלכע, וואס מיידען אויס צו גע-בען גוטוויליג צדקה. און אזוי ווי איך בין דער פארשטעהער פון דער רעליג-יעזער קהלה, בין איך מחויב דאס אויסצופיהרען.

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם

דער לובלינער רב שפירא ז"ל, וועל-כער איז — ווי בעוואוסט געווען רב אין פיעטרקאוו, איז זעהר אפט גע-פאהרען נאך לובלין וועגען דעם גרוי-סען בנין פון דער ישיבה, וואס איז דארט דורך זיין איניציאטיוו און אר-בייט אויפגעשטעלט געווארען. איינער פון זיינע מקורבים האט אויף א זי-צונג פון דער קהלה פראטעסטירט גע-גען די פיעלמאליגע רייזעס פון רב נאך לובלין.

אויף דער פראגע פון רב, אז אויב ער איז איהם א גוטער פריינד, טא פארוואס שטערט ער אין דער אונטער-נעהמונג, וועלכע איז איהם טייער, האט דער מקורב געענטפערט: בעת משה רבנו איז געקומען אין הימעל נעמען די תורה, האבען די מלאכים פראטעסטירט און אויף קיין פאל נישט געלאזט זי אוועקגעבען. שטעלט זיך די פראגע: אזוי פיעל טויזענדער דו-רות איז די תורה געווען אין הימעל און די מלאכים האבען זי נישט גע-לערנט, אויך געפונט זיך דארט אזעל-כעס, וואס האט מיט מלאכים נישט קיין שום שייכות, טא פארוואס דען האבען זיי יעצט, ווען משה איז געקו-מען, נישט געלאזט זי נעמען? דער תירוץ איז: מיט דער תורה האבען די מלאכים טאקי נישט קיין שייכות, אזוי אבער ווי די תורה איז אנגעבינדען אין רבש"ע, האבען די מלאכים מורא גהאט, אז אויב די תורה וועט ארונטער-געהן אויף דער ערד, וועט אויך דער רבש"ע זיך דארט בעזעצען, דעריבער האבען זיי געוואלט פערהאלטען די די תורה אין הימעל, און אזוי איז טא-קי געווען. גלייך נאך קבלת התורה האט דער רבש"ע געזאגט: ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם — מאכט מיר א וואוינונג און איך וועל מיך בעזעצען נעבען דער תורה. דאס זעלבע — האט דער מקורב געזאגט — איז דא, ווייל איך בין טאקי דעם רב א גוטער פריינד, האב איך מורא, אז צוליעב דער ישיבה, וואס דער רב מאכט אין לובלין, וועט ער זיך דארט בעזעצען און פערלאזען פיעטראקאוו, דעריבער שטער איך איהם אין אויספיהרען זיין אונטערנעהמונג, בכדי ער זאל דא בליי-בען ווייטער ביי אונז.

זהב. וכסף ונחשת

ביים מאכען א משכן פאר'ן רבש"ע איז געווען א בעפעהל אויפצושטעלען עס מיט גאלד און זילבער. שטעלט זיך א פראגע צו ביים רבש"ע האט אזא חשיבות גאלד, דאס ער האט פער-לאנגט מ'זאל איהם אויסציהרען א וואוינונג דערפון? לי הכסף ולי הזהב — זאגט דאך די תורה — געלד האט נישט ביי גאט קיין ווערט? נאר דער תירוץ קען זיין אזוי: אין יאהר 1901 איז אין כינא אויסגעבראכען אנ'אויפשטאנד געגען די אויסלענדער און עס זענען דארט אומגעקומען א גרויסע צאהל דייטשען. דער דייטשער קייזער וויל-העלם דער צווייטער האט אהינגעשיקט א גרעסערע צאהל מיליטער, וועלכע האבען דעם אויפשטאנד אונטערדריקט און עס זענען איבערגעשיקט געווארען נאך בערלין די גרעסטע אנפיהרער פון לאנד, וועלכע האבען געמוזט זיך ערנידריגען פאר'ן קייזער און איבער-בעטען פאר דער עוולה, וואס איז ביי זיי אין לאנד געשעהען די דייטשע בירגער.

דאס ערנידריגען זיך איז געווען לויט די כינעזישע מנהגים. צופעליג איז ביים קייזער געווען דער זאקסי-קרוינפרינץ, וועלכער האט געזעהען די העויות, וואס די כינעזישע פארשטע-הער מאכען פאר'ן קייזער און גע-פרעגט: וואס איז דאס פאר א בעטען מחילה, אין דער צייט ווען קיינער ווייס נישט וואס דאס בעדייטעט? דערויף האט דער קייזער ווילהעלם געענטפערט: פאר אונז איז דאס טאקי אונפערשטענדליך, דאגעגען פאר די כינעזער זענען די משוגה'דיגע העויות אנ'ערנידערונג און דאס וויל איך טאקי. דאס זעלבע איז דא. ביים רבש"ע האט געלד נישט קיין שום חשיבות, די מענשען אבער, ביי וועלכע געלד איז דאס גאנצע לעבען, און צוליב דעם געלד געבען זיי אוועק די נשמה, מוזען זיי טאקי מאכען א משכן פון דעם וואס איז ביי זיי דאס טייערסטע—פון זהב וכסף.

פולע צוטרוי, דאס זיי האבען נישט אין זינען פערשידענע פערזענליכע כוונות, נאר די טובה פון דער יודי-שער בעפעלקערונג און אט דאס אליין איז שוין א גרויסע זאך.

מקנא זיין אבער דארף מען זיי נישט, ווייל אויסקצהרען דעם גאנצען שטויב און גרועס, וואס איז אין משך פון יאהרען דארט אנגעוואקסען, וועט זיי אזוי לייכט נישט אנקומען...

אז מען שמועסט פליטה...

אזוי איז עס—דער פליטים קאמיטעט אין טשענסטאכאוו געהט פליטה.

מיר האבען שוין אפילו וועגען דעם געשריבען נאך מיט עטליכע וואכען צו-ריק, זעהענדיג דעם חורבן פערטיג, נאר איהר ווייסט דאך, ביז מען זעהט נישט דאס מת פאר די אויגען, גלויבט זיך נאך אלץ נישט, אז עס איז טאקי אזוי, האבען מיר געהאפט און געבע-טען, אז אונזער נביאות זאל נישט מקוים ווערען. ליידער אבער מוזען מיר פעסטשטעלען, אז די פליטה איז ווי אויף דער האנד.

די סיבה פון דער פליטה איז א פשוט'ע, ראשית ווייל זיך קיינער פון די היגע כלל-טהוער דערמיט נישט פערנעמען. די ארבייט אין קאמיטעט איז קאמפליצירט און דער עיקר קיין כיבודים קאן מען ביי איהר נישט כא-פען און דעריבער איז אויף איהר ניש-טא קיין בעלנים; והשנית. די יעניגע, וועלכע האבען זיך יא איינגעשפאנט, זענען צו אזא ארבייט נישט פעהיג.

וואס זענען אבער שולדיג די פליטים? זיי ליידען דאך בעשטימט אומזיסט און נישט צוליעב זייערע אינדיווידועלע חטאים, נאר דערפאר ווייל זיי זענען יודען. טא ווי אזוי וועט דאס קרוב דרייסיג טייזענד-קעפיגע יודישע טשענ-סטאכאוו קאנען רוהיג שלאפען, ווי-סענדיג, אז איבער הונדערט נפשות האבען נישט דעם קאפ וואו אנידער-צולעגען?

אמת, אלץ מיט וואס די הערען פון פליטים-קאמיטעט וועלען זיך פערטיי-דיגען איז אמת. דאס אבער מינערט נישט די גרויסע בושה, וואס דאס יו-דישע טשענסטאכאוו נעמט אויף זיך מיט דעם, וואס זי וועט אזוי מיט דער לייכטער האנד מאכען פליטה...

„מכרת יוסף".

אזוי איז געווען געמאלדען אויף גרויסע אפישען, אז איה"ש פרייטאג-צו נאכטס וועט אין לאקאל פון „מכבי" אויפגעפיהרט ווערען דאס היסטארישע שטיק „מכרת יוסף" (מכירת יוסף).

וואס אנ'אמת בין איך געגאנגען אין טעאטער נישט אזוי ווייט צוליעב די ארטיסטען (ווייל צופעליג האב איך אמאל געזעהען שוין אויפפיהרען דורך די זעלבע אדער דורך אזעלכע עהנ-ליכע „ארטיסטען" דעם מכרת יוסף און איך זעה נאך דאס בילד ביז איצט פאר מיינע אויגען), נאר איך האב געוואלט זעהען דאס אודיטאריום, ד. ה. די צושויער און דעם אמת מוז איך זאגען, אז איך האב געהאט א גרויסע הנאה. איך האב געזעהען אזעלכע טע-אטער-בעזוכער, וואס זינגט עס שפילט יודיש טעאטער אין אונזער שטאדט, האב איך נאך דעם עולם נישט נעזע-הען. יונגעלייט, וואס איך זעה צום ערשטען מאל, דאן זענען געווען צאינה וראינה יודענעס, וועלכע קענען גוט דעם אינהאלט פון טייטש חומש, דאן א גרויסע צאהל קינדער. מיט איין ווארט, דער זאל איז געווען איבער-פולט ווי אנ'אויג. דער עולם קוקט אויף דער סצענע און איך — אויפ'ן עולם און גישט קוקענדיג, וואס אין זאל איז געווען פינסטער (אויך אויף דער סצענע איז אפטמאל געווען פינס-טער, ווארום אפילו דאמאלס, ווען עס איז ליכטיג געווען אויף דער ביהנע, איז אויך פינסטער געווארען פאר די אויגען), האב איך געזעהען ווי דער עולם לעבט מיט דאס, וואס עס קומט פאר אויף דער ביהנע.

אין טעאטער איז געווען די טשענ-סטאכאווער יודישע ארימקייט, אזעלכע, וואס לעכצען אויך נאך א ווארט, נאך א שוישפיל און צוליעב זייער מאטער-יעלער לאגע, קאנען זיי עס נישט דער-גרייכען און דא, כ'ווייס נישט דורך וואסערע וועגען, האבען זיי געהאט די מעגליכקייט צו געהן אין טעאטער אריין און א טך האבען טאקי געמיינט, אז אזוי זעהט אויס אמת'דיג טעאטער.

פון דער צווייטער זייט פערדריסט אבער דאס, וואס אויב אזעלכע מענשען זע-נען שוין יא געקומען אין טעאטער אריין טא פארוואס זאלען זיי טאקי נישט האבען די זכיה צו זעהען א גוט טע-אטער און עכטע שוישפילער?

זאלען מיר די ארטיסטען פון „מכרת" יוסף מוחל זיין, וואס איך גיב זיי נישט קיין רעצענזיע, ווייל צו אזא גרויסע מדרגה אבצושאצען דעם „ארטיסטישען ניווא" פון אזא שפיעל בין איך נאך נישט דערגאנגען... נאר אויף וויפיעל איך בין יא א מבין, וואלט נישט געשאדט, אז אויב עס נעבינען זיך אמא-טארען, וועלכע ווילען שפילען טעאטער, זאלען זיי שוין אויפפיהרען מכירת יוסף און נישט מכרת יוסף...

גאלדפאדען איז אונשטערבליך

עס איז א כלל גדול—דאס גרויסע, קלאסישע איז אונשטערבליך, אזוי גוט אין דער ליטעראטור, ווי אויך אין דער קונסט.

נעמען מיר, למשל, שלום עליכם אין דער יודישער ליטעראטור איז ער אונ-שטערבליך. מעגען קומען היינט-צייטיגע דיכטער, קינסטלער, וועלכע ווילען דיכטען און שרייבען, אויסהצ-מערען מיט אמת'ן טאלאנט א געדיכט אדער פראזע, וועט דאס אבער נישט פערדונקלען שלום עליכם'ן און דער זעלבער, וועלכער וועט זיך ענטציקען מיט די נייע דיכטונג, וועט אבער דאך זיך ווייטער בעגייסטערען מיט שלום עליכם'ן, וועלכער איז אייביג.

דאס זעלבע איז מיט'ן טעאטער, נאך גאלדפאדענען, וועלכער איז גע-ווען—אזוי צו זאגען—דער פאטער פון יודישען טעאטער, זענען געקומען אנ-דערע צעהנדליגער און צוואנציגער, וועלכע האבען געשאפען מעהר אדער ווייניגער געלונגענע פיעסען, זיי קאנען אבער נישט פערדונקלען גאלדפאדענען, וועלכער איז אונשטערבליך, איבער-הויפט אין זיינע היסטארישע אפערע-טען „בר כוכבא" און „שולמית".

דער יונגער דור, וועלכער קאן נישט גאלדפאדענען האט די גרעסטע הנאה, אויב זיי זעהן אמאל אויפפיה-רען איינע פון די היסטארישע אפע-רעטען, דאס האט מען זיך איבערצייגט די וואך.

אין פייערלעשער-זאל האט די טרופע פון דוד זיידערמאן אויפגעפיהרט די אויבענדערמאנטע 2 אפערעטען. ס'פער-שטעהט זיך, או לויט די ארטיגע בע-דינגונגען פון איין זייט און לויט די סיטואציע פון די יודישע ארטיסטען פון דער צווייטער זייט, זענען די אויפפיהרונגען געמאכט געווארען אהן דעקאראציעס, אהן ארקעסטער (בלויז א פארטעפיאן) און אהן לייב און לע-בען און פונדעסטוועגען האט דער עולם אנגעקוואלען. בלויז די ווערטער האבען גערעדט צו זיין הארץ, ער-וועקט אין איהם געפיהלען, וועלכע דרימלען טיעף אין דער נשמה ביי יעדען יודען.

דאס איז דער כח פון קלאסיקער, פון אמת'ן פאעט, וועלכער שאפט נישט בלויז צייט-מאטיווען, נאר אויף דורות און אייבינקייטען.

ביי גאלדפאדענען איז אויסערדעם, וואס די טעמע איז א קלאסישע, איז אויך די מוזיק א הארציגע, וואס גלעט די נשמה און אויף דער היינטיגער צייט איז גאלדפאדען אנ'אבפרישונג.

דיסציפלין מוז זיין...

ווי בעוואוסט פיהרט זיך אין דער נייער שוהל, אז איידער מען געהט לייענען צוטיילט מען טאוועלעך פאר די יעניגע, וועלכע דארפען בעקומען עליות מיט אויפשריפטען: כהן, לוי, שלישי, ששי או"וו און בעת'ן אויפרופען רופט מען נישט קיינעם ביים נאמען, נאר דער בעל-קורא זאגט יעמוד ששי, יעמוד מפטיר און דער, וועלכער האט דאס דאזיגע טעוועלע געהט ארויף און מאכט א ברכה.

דאס איז אלץ. אבער אז עס איז א געוועהנליכער שבת, ווען מען טיילט 8 עליות ווארט שוין יערער עליה-מאן אויף זיין רייה. וואס טהוט מען אבער, אז עס מאכט זיך אנ'אויסערגעוועהנ-ליכער שבת, ווי למשל, אז עס איז דא א בר מצוה אדער—ווי זיי רופען עס אן אויפ'ן שמענדריק-לשון א קאנ-פירמאציע און עס קומען צום דאווע-נען קרובים און קרובים'לעך. מוז מען דאך יעדען אנטיילען אנ'עליה, ווערט טאקי א מיש-מאש און די שמשים מו-זען דעמאלס שווער און ביטער אר-בייטען, אז עס זאל נישט ארויסקומען קיין טעות.

מאכט זיך א מעשה פרשת יתרו איז א קאנפירמאציע, האט מען צו-טיילט די טאוועלעך און אזוי מאר-קירט, אז ששי אין וועלכער עס ווערט געליינט די עשרת-הדברות זאל אריינ-פאלען צו דעם און דעם, מסתמא א שעהנעם יודען. היות אבער ווי מען האט געמאכט הוספות איז ארויסגע-קומען, אז בעת מען האט אויפגערופען יעמוד ששי האט מען גאר געהאלטען ביים רביעי און דער בעל ששי האט ארויסגעשפאנט צום ספר. האט מען דאך געזעהן, אז ס'איז א טעות, האט מען נאך בעצייטענס פערכאפט די מעשה און מען האט אויפגערופען א צווייט מאל יעמוד ששי, נאר שוין דעם ריכטיגען בעל-דבר און דער אמת'ער ששי-מאן האט געמוזט ווארטען ביז עס וועט אנקומען זיין רייהע ד"ה בעת מען לייענט די עשרת הדברות. פאר דעם חטא אבער, וואס דער אויבער-שמש, וועלכער דינט שוין אין דער שוהל העכער דרייסיג יאהר, האט נישט אבגעהיטען, אז דער בעל ששי זאל זיך נישט ריהרען פון ארט, כאטש מען האט אויפגערופען יעמוד ששי, איז דער שמש בעשטראפט געווארען מיט 10 זל. און 4 וואכען אבצושטעלען פון דער ארבייט.

איי, אז מען וויל שמועסען צוריק, זענען דאך אין דעם מכשול שולדיג מעהר די גבאים, וועלכע האבען איינ-געפיהרט אזא מנהג נישט צו רופען ביים נאמען, ווארום עס איז דאך נישט שייך, אז ווען מען וואלט גע-רופען אנשטאט יעמוד ששי, יעמוד ר' מרדכי בן זאב, זאל געהן א צווייטער, נאר שוהל-גבאים זענען דאך שטענדיג גערעכט, איבערהויפט, אז ס'איז דא אויף וועמען ארויפצווארפען די שולד... איז פאר דעם חטא טאקי בעשטראפט געווארען אזוי הארב דער שמש, ווייל דיסציפלין מוז זיין...

לויתן

Z intencji zaślubin kolegi
JEHUDY WILINGERA z p. FRANIĄ MŁYNARCZYKÓWNĄ
życzą dużo szczęścia
DAWID KWINTE z ŻONĄ

בברכת מזל-טוב חמה ולבבה הננו מברכים את חברנו מר **דוב רוזנציג**
לרגלי אירוסיו את העלמה מרת **מאניא לובלינסקי.**
הועד של אחדות ישראל
בצ'נסטוחובה.

צו דעם תנאים פון ה' **לעאן ראָטענבערג**
מיט פרל. **טאָשקא ווייצענבלאַט** ווינשט
די עלטערן א הארציגן מזל-טוב.
אשר שמולעוויטש און פרוי.

היינט און מאָרגן אָוונט – די פּרעמיערע פון יצחק פּערלאָוו'ס „גאָלדענע זאַנגען" מיט לאָלאַ פאָלמאַן אין דער שפּיץ

ווי געזאָגט, איז דער יונגער דיכטער יצחק פּערלאָוו שטפּעריש. ער שאפט לידער פאר דער יודישער קליין-קונסט-ביהנע, שרייבט טעקסטן און פּיעסן פאר דער יודישער ביהנע און לעצטענס האט ער אָנגעשריבן א זעהר שעהנע מוזיקאַלישע קאָמעדיע „גאָלדענע זאַנגען", וועמענס פּרעמיערע מיר וועלן היינט אָוונט זעהען אין פּייערלעשער-זאַל.

די דאָזיגע קאָמעדיע, וואס מיר וועלן זי דאָ זעהען צום ערשטען מאל – איז דורך דער קריטיק גינסטיג אָפּגעשאצט געוואָרען. די הויפּט-אויספיהרערין איז אונזער גוט-באַקאַנטע לאָלאַ פאָלמאַן, וועמענס פאָלקס לידער האבען זיך שוין איבעראל און אויך ביי אונז קונה-שם געווען. לאָלאַ פאָלמאַנ'ס א ליעד איז בעטעמ'ט יודישלעך, הארציג און נעמען שטארק אויס ביים עולם.

די איבריגע אַרטיסטען זענען אויך גוט באַקאַנטע נעמען. געגנג צו דער-מאָנען: פרל. פ. מעל, גאָוואַ-ווי, פ. קערמאַן, מ. מאַקסימאָוו, ש. בלאַכער, ר. גרינהויז, ב. ליבגאָלד, ר. בעזמאַן, ד. הארט, ב. עפּשטיין א. א.

סיי דער אַנסאַמבל און סיי דער אינהאלט פון דער נייעסטער יודישער מוזיקאַלישער קאָמעדיע, וועלכע ענט-האלט פיעל אַקטועל סאַטירישע נומערן – גיבען די גאַראַנטיע, אז די פאָרשטע-לונגען וועלן שטעהן אויף דעם ענט-שפּרעכענדען ליטעראַרישען ניוואָ און וועלען די בעזוכער צופרידענשטעלען.

נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט און בעזוכט די פאָרשטעלונגען פון די „גאָלדענע זאַנגען".

בילעטען פאָרפערקויף אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן און שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע פון פּייערלעשער זאַל.

יודישער פאָלקס-טעאַטער „עמך"-טעאַטער.
זאַל פון די פּייערלעשער.
היינט, פרייטאָג, ד. 25-טען
מאָרגען, שבת, ד. 26-טען
4 נאָכמיטאג און 9 אָוונט
לאלא פאלמאן
מיט איהר אַנסאַמבל אין דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע
גאָלדענע זאַנגען
אין 3 אַקטען (4 בילדער) 12 נומערן געזאַנג און טענץ פון י. פּערלאָוו. מוזיק לאָלאַ פאָלמאַן.
ביים פּאָרטעפּיאַן: ס. קאַמיאַנסקא-עפּשטיין. ליטונג: ב. און מ. ח. עפּשטיין
בילעטען צו בעקומען אין דרוק. פון ה' באָטשאַן, פרייטאג פון 6 אָוונט און שבת בייטאָג אין קאַסע

חעגען א יער-ניסענבוים-קאָמיטעט

ווי מיר ווערען געוואויר, האט אין צוזאַמענהאַנג, מיט'ן 70-יעהריגען יובל פון וועטעראַן פון ציוניזם נשיא פון „מזרחי" אין פוילען הרב ניסענבוים, דער מחלקת החרדים ביים קק"ל, פאַר-געשלאָגען צו פלאַנצען אויפ'ן באָדען פון קק"ל אין א"י א יער ניסענבוים. גלייכצייטיג מיט דער שאַפונג פון ועד היובל אין פוילען, איז אויך אין אונזער שטאדט געשאַפען געוואָרען א ועד היובל.

צו דעם צוועק קומט אויף שבת פ' תרומה נאָך טשענסטאָכאָוו פון דער וועלט-צענטראַלע פון מזרחי, ד"ר פעלדמאַן, וועלכער וועט דעם שבת 3 נאָכמ. רעדען אין מניד'ס שוהל וועגען בעל היובל ווי אויך אנדערע אַק-טועלע פראַגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יעצטיגער לאַגע אין ארץ-ישראל.

מאיר גראָסמאַן אין טשענסטאָכאָוו

היינט פרייטאג 10.45 פריה קומט צו פאָהרען דער פּרעזידענט פון דער יודענשטאַטס פּאַרטיי ה' מאיר גראָס-מאַן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אָרדענט איין די יודענשטאַטס-פּאַרטיי א באַנ-קעט לכבוד דעם חשוב'ן גאַסט שבת 9 אָוונט אין לאָקאַל פון לינגוויסטען-קלוב.

א בעריכט פון הילפס-קאָמיטעט פאַר די פּליטים

מיר האבען בעקומען א קאַסע-בעריכט פון הילפס קאָמיטעט פאַר די פּליטים פאר דער צייט פון 1 ליסטאָפּאַד 1938 ביז'ן 15 לוטי 1939, וועלכער ווייזט ארויס הכנסה 23.424.76 זל. דערפון איז אין דער צענטראַלע קיין ווארשא איבערגעשיקט געוואָרען 3.000 זל. און נאכ'ן אויסהאלטען די פּליטים אויפ'ן אָרט איז אין דער קאַסע פערבליבען 6508,72 זל.

דעם גענויען ציפערען בעריכט וועלען מיר איבערגעבען אין איינעם פון די נאָהנטסטע נומערן.

נדבות פאַר „תומכי עניים"

ה' ישראל שומאַכער צו דער יאהר-צייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאטער 10 קילאָ ברויט.

ה' לודוויק מאָנטאַג (פעלדשער) צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 10 קילאָ ברויט.

ה' משה וואָלקאָוויטש צו דער יאהר-צייט פון זיין פערשטאָרבענע מוטער 10 קילאָ ברויט.

ה' לייביל טשענסטאָכאָווסקי צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאטער 5 קילאָ ברויט.

ה' יעקב פישער 5 קילאָ ברויט.

פרוי ווייצענבלאַט צו ער פערלאָ-בונג פון איהר טאָכטער 5 קילאָ ברויט.

צו דער אויפמערקזאַמקייט!

די פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט „מלבוש ערומים" מאכט אויפמערקזאַם דער יודישער בעפעלקערונג, אז דער איינציגער, וועלכער איז בעפולמעכטיגט דורך אונז צו זאַמלען פאַר פורים קאָר-טען איז ה' וואָלף ריפשטיין. דאַגעגען קיין אַנדערער האט נישט דאָס רעכט אין אונזער נאָמען איינצוקאַסירען.

פערוו. פון דער געז. „מלבוש ערומים" אין טשענסטאָכאָוו.

א גוטע געלעגענהייט!

דער גוט-באַקאַנטער הורט-קויהלען-לאַגער „טעכנאָזיל" – א. זילבערשטיין האט לכבוד דער ערעפנונג פון א מאָ-דערנעם הורט-סקלאַד פון קויהלען און קאָקס בעשלאָסען אין משך פון א וואָך צו געבען א גינסטיגע געלעגענהייט די היגע איינוואוינער זיך צו פערזעהן מיט גוטע קויהלען צו א ביליגען פרייז.

השתתפותנו החמה מובעת בזה לנשיא מועצת הקהלה, מר **חיים ווקסלר** למות אחותו
נ"ע הינדא שפיגעלמאן
בתוך שאר אבלי ציון ינוחם.
מועצה וועד הקהלה העברית
בצ'נסטוחובה.

דעם **דער. ל. שפיגעלמאַן** אין בענדין
צוליעב'ן טויט פון זיין מוטער
הינדא נ"ע
דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
רעדאַקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג".

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם
ה' **חיים ווערסלער און פאַמיליע**
צוליב'ן טויט פון זייער שוועסטער
הינדא נ"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא יוסיפו לדאבה עוד.
ב. באָטשאַן און פרוי.

דער הורט און דעטייל-לאַגער פון
פאָרצעלאַן, גלאָז, פאַיאַנס און שויבען
A. LEWKOWICZ, I-sza ALEJA 3.
dawn. B. SACHSENHAUS
בעזיצט א גרויסען אויסוואַהל און עמפעהלט זיך דער ג' קונדשאַפט.
רעיעלע בעהאַנדלונג. — הורט און דעטייל. — ביליגע פרייזען

אין שטאָדטישען קאַמעראַל-טעאַטער
פרייטאָג, דעם 24-טען פעברואַר ד.י. 8.30 אָוונט
לטובת דעם קינדערהיים א. נ. פון י. ל. פּרץ
א פּאָפּולערע פאָרשטעלונג
„PIENIĄDZ TO NIE WSZYSTKO"
הומאָרעסקע קאָמעדיע אין 2 טיילען, 19 בילדער.
פרייזען פון 60 גראָשען ביז 2.- זל.
די קליינע צאָהל פערבליבענע בילעטען צו בעקומען: אין קאַנצעלאַריע פון קינדערהיים, קרוטקע 22, אין ביבליאָטעק „קולטורא", אלעע 20 און אין אלע פּראָפ. סעראַיינען.

ADWOKAT
ESTERA EPSTEINÓWNA
przeniósł kancelarię
do lokalu w Częstochowie, przy ul. Wilsona 6/8
tel. 25-62

טעאַטער-נאָטיצען

(„בר-כוכבא" און „שולמית" — היסטאָרישע אָפּערעטע פון א. גאָלדפאַדען)

איך ווייס נישט פאַרוואָס די ליטע-ראַטור-קריטיקער האבען געפּרובט, צווישען אַנדערע, אויך פערשרייבען אברהם גאָלדפאַדענען אַלס דעם אָנרע-גער פון שונדיזם. עס איז אויסער יע-דען ספק, אַז גאָלדפאַדען איז געווען דער פאָטער פון יודישען טעאַטער. כאָטש פאַר איהם האבען שוין אנדערע אויך געשאַפען און געשריבען פערשי-דענע פּיעסען אויף יודיש. ער, גאָלד-פאַדען אָבער, האט געלייגט דעם ווינקעלשטיין פאַר א סטאַביל יודיש טעאַטער, וועלכעס ער האט ארויסגע-בראכט פון די ווייןקעלערן און פּרי-וואַט שטובען און איהר אָנגעטאָהן א מאָדערנעם לבוש לויט די דאַמאָלסדיגע בעגריפען און מעגליכקייטען, פער-שטעהט זיך.

מעגליך, אַז די, אין א געוויסער מאָס, נעגאַטיווע בעציהונג צו זיינע שאַפונגען נעמט זיך דערפון, וואָס די „בעל-מלאכות", די אַרטיסטען בלע"ז, האבען דאָן פון זיינע העלדען געמאַכט מאַריאָנעטקעס, גערעדט מיט א צוקער-לעפּטעטער, דייטשמערישער שפּראַך און אפשר אויך דערפון, וואָס עפּיס חדר-יונגלעך אָדער יעדע אַמאַטאָרען-טרופּע האָט געפּונען פאַר איהר הייליגען חוב צו „שפּילען" און פאָרשטעלען זיינע זאכען איבעראל און אומעטום ביי יעדער געלעגענהייט. אונזערע מאָ-מעס דערצעהלען נאָך אונז, ווי פּרעכ-טיג, ווי שעהן (לויט זייערע השגות) עס זענען געווען די פורים-פאָרשטעלונ-גען פון די הויף-קינדער, וועלכע האָ-בען זיך פערשטעלט און געשפּילט בר-כוכבא.

אַזוי איז מיט יעדער זאַך און מיט יעדען מחבר. עס איז נאָר א פראַגע צו וועמען מען פאַלט אין מויל אריין. איינער שלייפט דאָס וואָרט און מאכט דערפון א פּלאַסטיש, לעבעדיג בילד און דער צווייטער – א פּוסטע, הוילע פראַזע און אין בעסטען פאַל, א צע-צויגענע, דילעטאַנטישע דעקלאַמאַציע.

אַז דאָס איז אַזוי ווי אויבען געזאָגט, האט אונז געוויזען די פאָרשטעלונג בר-כוכבא מיט דוד זיידערמאַן אין דער הויפּט-ראָל. ביי איהם און זיין אַנ-סאַמבל איז די אָפּערעטע געשפּילט געוואָרען ריין, ציכטיג מיט א זאַרג-פעלטיגער יודישער שפּראַך. ביי זיי זענען די העלדען ארויסגעקומען נישט ווי קיין פּאַפּירענע לאָלקעס, נאָר ווי לעבעדיגע מענשען; דער אינהאַלט האט בעקומען בלוט און פלייש.

דוד זיידערמאַן האט אין בר-כוכבא זיך ארויסגעוויזען הן אלס זינגער און הן אלס אַרטיסט אלס ערשטקלאַסיגער כוח. ער בעזיצט א וואונדערבאַרען באַריטאָן און ווען ער רעדט אָדער זינגט, הערט זיך אַזוי אנגענעהם, אַזוי מתיקה'דיג זיינע ווערטער, זיין געזאַנג, וואס צוגעהט זיך אין אלע איברים. דאס איז געוויס זיין קרוין-ראָלע. ווייל ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלען א בעסערן, א שענערן העלד בר-כוכבא ווי דאס איז דוד זיידערמאַן. זיינע פייערדיגע, גליהענדע אויגען, זיין גע-שטאַלט, זיינע בעוועגונגען, זיין נאַ-טירליך שפּיעלען האט טיעף איבער-צייגט און יעדען פון אונז אריינגע-בראכט אין די דמיונות פון יענער היסטאָרישער תקופה ווען ס'האט גע-לעבט דער נאַציאָנאַלער העלד בר-כוכבא און מיט זיינע ווערטער, מיט זיין העלדישקייט אלעמען מיטגערי-סען און וואונדער בעוויזען.

איהם האט אין אלגעמיין נישט שלעכט סעקונדירט פרוי איטע האַכ-בערג, וועלכע האט געשפּילט די ראָל פון דינה. מען מוז אָבער זאָגען, אז זי איז מעהר אַרטיסטין ווי זינגערין, ווייל ווען ס'איז אויסגעקומען העכער צו נעמען דעם טאָן, האָט זי זיך פיעלמאָל פערהאַקט. זעתר צאַרט און האַרציג האט געשפּילט ק. חערבסט אלס ר' אליעזר המודעי. די ראָל איז נישט קיין לייכטע און ער האט זיך גוט אַנ'עצה געגעבען מיט איהר, איבער-הויפּט, איז גוט אויסגעפאַלען די שטאַרב-סצענע. אַנ'ערשטקלאַסיגע מאַס-קע אלס דער אינטריגאַנט פאַפּוס האָט געגעבען ה' רייכענבערג. ער האט מיט זיין גוט שפּילען איבערציינט, הויפּטזעכליך קומט איהם א שבח דער-פאַר, וואָס ער האָט נישט שאַרזשירט, וואָרום דאס איז א ראָל, ווי מען קען זעהר לייכט אַריינפאַלען אין שאַרזש. אויך די איבריגע אַרטיסטען, ווי נוי-ווירט, ראָזען, ליפּאָווסקא, מאַרטאַלאָוו – זענען אַלע זענען געווען אויפ'ן אָרט און געטהון דאָס, וואָס איז געווען ביכולת.

מען מוז, אגב, דערמאָנען, אז די פּיעסע ווערט געשפּילט אין פּערזען, וואָס איז א פיעל שווערערע אויפגאַבע ווי טעקסט, ווייל יעדעס וואָרט מוז ווערען ווי געהעריג אַקצענטירט.

• • •

די צווייטע אָפּערעטע „שולמית" פערמאָגט הארציגע יודישע מוזיק און מיט די שולמית לידלעך פלעגען אונ-זערע מאַמעס אונז פערוויגען צום שלאָף. זי אונטערשיידט זיך פון דער ערשטער מיט דעם, וואָס דער אינהאַלט פון בר-כוכבא איז בעהויכט מיט נאַ-ציאָנאַלען מאָטאָס, וואָס קען נאָך אָנ-רעגען און דיגען אַלס ביישפּיל פאַר אונזער היינטיגער יוגענד. אין „שולמית" זעהען מיר בלויז שפּליטערן פונ'ם יו-דישען לעבען אין דער תקופה פון בית-המקדש.

דוד זיידערמאַן האט אין „שולמית" שוין נישט די קרוין-ראָלע. די געזאַנג נומערן ווערען דורך איהם אויסגעפיהרט מייסטערהאַפט, דאַגעגען איז ער פיעל שוואַכער אין דער אַרטיסטישער זייט, דאָס איז אפשר דערפאַר, ווייל אין בר-כוכב'ן האבען מיר איהם געזעהען אויסגעצייכענט אין יעדען פרט.

איטע האַכבערג האט אין אַלגעמיין זעהר גוט געשפּילט די ראָל פון „שולמית". זי האָט בלויז געהאַט איי-ניגע שוואַכע מאָמענטען אינ'ם זינגען, אָבער זי האט זיך ווי ס'איז אַנ'עצה געגעבען און ארויס מיט כבוד. ה' רייכענבערג האט די ראָל פון פאָטער גוט בעגריפען און זי ווי געהעריג אויסגעפיהרט. די יונגעטשקע פ. ראָזען האט זיך דאָ א רוק-אַרויס געגעבען און בעוויזען, אז זי איז א גאַנץ נישט-קשה'דיג דראַמאַטישע אַרטיסטין. אויך אלע איבריגע זענען געווען אויפ'ן אָרט.

די צוויי פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען אַדורך מיט גרויס ערפאָלג–האָ-בען איבערגעלאָזט א גוטען איינדרוק.

מ. קויפמאַן

ועד היובל בפולין לחגיגת שנת הולדת השבעים של מנהיג תנועת התחיה הדתית-לאומית הרב יצחק ניסנבוים

ביום ש"ק פרשת תרומה ו' אדר 25.2 ש. ז. בשעה 3 אחה"צ ינאם בבי"הכ של המגיד רחוב קאטעדראלנה 10, חבר המרכז העולמי של מזרחי

הד"ר ש. ב. פלדמן

בדבר אישיותו של בעל היובל, נשיא הסתדרות המזרחי בפולין הרב יצחק ניסנבוים.
וכ"כ בענינים אקטואלים בקשר עם המצב בארץ ישראל.
היהודים החרדים מוזמנים לבוא בהמון וירוו נחת מהעונג שבת.

סוחרים און פאבריקאנטען - פעראיין
אין טשענסטאכאו אלעע וואלגאשטשי 5—3

דעם 1-טען מערץ ד. י. עפנען מיר דעם
2-טען דערגענצונגס = קורס
פאר סוחרים און האנדעלס-אנגעשטעלטע.
דער קורס וועט דויערען 4 חדשים.
איינשרייבונגען ווערען אנגענומען יעדען טאג פון 7 ביז 9 אוונד אין דער קאנצעלאריע פון פעראיין.

צענטראלע פון דעטאליסטען און קליינהענדלער-פערבאנד אין פוילען
אבטיילונג אין טשענסטאכאו, סעקציע: צוקער און פרוכטען.

לויט'ן בעשלוס פון דער פערזאמלונג פון 22 ד. מ. רופען מיר אויף
זונטאג, ד. 26 ד. ח. פונקטליך 9 א זייגער פריה אין לאקאל פון קליינ-הענדלער-פערבאנד (אגראדאווע 5)
א אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
צוליעב דער וויכטיגקייט פון די פראגען, וועלכע דארפען ווערען בעהאנדעלט, פאדערן מיר אויף אלע סוחרים, מיטגלידער, נישט-מיטגלידער, צו קומען אומבעדינגט און פונקטליך אויף דער פערזאמלונג.
די פערוואלטונג.

עלטערן-קאמיטעט ביי דער פאווש[ע]כנע שולע נר. 15.

שבת, דעם 25 לוטי פונקטליך 9 אוונד קומט פאר
אין זאל „מכבי" קאטעדראלנע 13
א גראנדיעזער
פערוויילונגס-אוונט
מיט פיעל אטראקציעס.
הערליכער ארקעסטער. ביליגער בופעט.
לטובת דער אויבענדערמאנטער שולע.

פארבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאבריק און קאנטאר: ב. יאסעלעוויטשא 11
פיליע 2-טע אלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)
מענער = קראגענס ווערען ווייטער געוואשען
מיט דויערהאפטען שפיגעל=גלאנץ צום פרייז 12 גר.
ספעציאליטעט:
1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויס'ן ארט), 4) כעמיש־רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן, די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אן אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין ווארשא מיט לאנגיעהריגער פראקטיק

Kino „BAŁTYK" אגראדאווע 14—16
הערליכע פוילישע מוזיקאלישע קאמעדיע
TAJEMNICA PANNY BRINX

Kino „LUNA"
דער מייסטער פון גרים
עריק פאן שטראהיים
אין דער ראל פון געהיימניס-פולען פראפעסאר ווינקלער
אין עראטישען פילם
ALIBI

Kino STYLOWY
Aleja 27.
עגזאטיק! הומאר! שעהנע מוזיק!
Meksykańskie noce
אין די הויפט-ראלען:
דאראטא לאמור
און ריי מילאנד

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ 12 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט.
ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

דעם וואס זיי זענען דערצו געזעצליך נישט פערפליכטעט. פאר די פערזאנען זענען די טערמינען איבערגעריקט געווארען, ווי צ. ב.: פאר בעלייגען זעזנאניעס פון אבראט ביז'ן 15 מערץ און פון דאכוד — ביז'ן 1 אפריל 1939.

אלע נעהנטערע אינפארמאציעס, ווי אויך עצות ערטיילט דער סעקרעטאריאט פון פערבאנד אין די אמטירונגס שעה'ן און עס ווערען אויסגעפולט פאר מיטגלידער די זעזנאניעס-פארמולארען.

NAUCZAM:
Galanterii skórzanej, kwiatów, celofanów oraz wszelkich ozdób do sukien
Wiadomość:
ROTBARDÓWNA, Częstochowa
Aleja 20, II brama.

דיר. זיגמונט מארקאוויטש ז"ל

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז אין בליהענדען עלטער געשטארבען דער היגער אינדוסטריעלער, כלל-טוער און פילאנטראפ דיר. זיגמונט מארקאוויטש.

דער נפטר איז געווען איינער פון די געצעהלטע נדבנים אין אונזער שטאדט, וועלכער האט זיך בעטייליגט אין אלע יודישע, ווי אויך אין אלגעמיינע שטאדטישע אקציעס, געהאט א ווארעם פיהלענד הארץ פאר די נויטען פון דער יודישער בעפעלקערונג און אליין מיטגעהאלפען צו איהר רעאליזירונג.

זיגמונט מארקאוויטש איז אויך געווען דער איניציאטאר פון בויען אן אייגענע געביידע פאר'ן יודישען גימנאזיום און זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון בוי-קאמיטעט און דערויף געשפענדעט מיט דער פולער האנד.

אזוי האט דער נפטר נישט קוקענדיג דערויף, וואס ער איז געווען דירעקטאר פון די גנאשינער פאבריקען שטענדיג געפונען צייט זיך אבצוגעבען מיט כלל-זאכען באמת ובאמונה.

ער איז אויך געווען פרנס אין דער קהלה מצד הנ"ל דעמאקראטישער גרופע.

מיט'ן טויט פון נפטר האט דאס יודישע טשענסטאכאו פערלוירען איינע פון זיינע בעסטע און טייערסטע זיהן.

חבל על דאבדין [illegible] משתכחין.

אין דער לויה האבען זיך בעטייליגט עטליכע טויזענד מלוים פון אלע שיכטען פון דער היגער בעפעלקערונג. עס זענען געטראגען געווארען העכער 40 קרענץ פון פאבריקס-פערסאנאל, פערשידענע ווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. עס האבען זיך בעטייליגט צווישען אנדערע דעלעגאציעס פון: יודישען גימנאזיום, מכבי מיט'ן פאהן, האנדווערקער שולע, אכראנקע, ווי אויך א רייה ארבייטער-דעלעגאציעס.

די מטה איז געטראגען געווארען ביז צו דער בריק.

אויפ'ן בית עולם האבען איהם מספיד געווען: ד"ר הירשבערג און ר' משה האלטער. די חזנים פינקעלשטיין און שמידט האבען אבגעריכט די תפילות.

ביים אפענעם קבר האבען דעם נפטר מספיד געווען: אין נאמען פון דער קהלה — פרעזעס ראזענבערג, אין נאמען פון בוי-קאמיטעט פון יודישען גימנאזיום — לאוניק שפירא, דאן נאך עטליכע רעדנער פון דער אקציען-געזעלשאפט און פון די בעזונדערע אבטיילונגען פון די פאבריקען.

אלע רעדנער האבען אויסגעדריקט דעם גרויסען פערלוסט, וואס אונזער שטאדט וועט ליידען מיט'ן טויט פון אזא הארציגען מענשען, כלל-טוער און פילאנטראפ.

די מוסטערהאפטע ארדנונג איז אבגעהיטען געווארען דורך די פייערלעשער פון די גנאשינער פאבריקען.

מיט געבויגענע קעפ האבען אלע פערלאזט דעם פרישען קבר, וואו עס איז בעהאלטען געווארען דער קערפער פון איידעלען זיגמונט מארקאוויטש.

KINO „EDEN".
פרעמירטער פראנצויזישער פילם
PURYTANIN
איינצעלהייטען אין די אפישען.

צו די תנאים פון אונזער מיטארבייטער
סענדער מאלץ (נ"יו פרל. פעלא אפעלאוויטש
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
די עלטערן—פיעל נחת
ישכר קאנסענס און פרוי

צו די תנאים פון ה'
סענדער מאלץ מיט פרל. פעלא אפעלאוויטש
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
פאמיליע פישאף, יוסף שפיעוואק און פרוי

„געלט איז נישט אלץ"

צו דער היינטיגער פארשטעלונג אין שטאדטישען קאמעראל-טעאטער

היינט, פרייטאג, פונקטליך 8.30 אוונד טרעפען זיך אלע אין קאמעראל-טעאטער אויף דער פאפולערער פארשטעלונג „געלט איז נישט אלץ", בעריהמטע קאמעדיע אין 2 טיילען, 19 בילדער פון בוס פעקעטי.

די הכנסה פון דער פארשטעלונג גייט לטובת דער קינדערהיים א.נ. פון י. ל. פרץ.

די קאמעדיע „געלט איז נישט אלץ" איז זעהר א געלונגענע, זי בעזיצט פיעל הומארפולע סצענעס, וועלכע רופען ארויס קאסקאדען געלעכטער ביי די צוהערער.

פעקעטי ווייזט אונז א גאנצע רייה היינטצייטיגע טיפען. ער בעריהרט די אקטועלע טעמע פון ארבייטסלאזיגקייט און איבערפראדוקציע פון אינטעליגענץ, אבער אלץ אין א לייכטער און אנציהענדער פארם, ביי וואס דער עולם ווייזט זיך אויסגעצייכנט.

ווען מיר וועלען נאך צוגעבען, אז די רעזשי האט אין דער קאמעדיע אריינגעפלאכטען זעהר כאראקטעריסטישע סצענעס, ווי: דער מוזיק נומער פון דער הויף קאפעליע א.א., אז די דעקאראציעס זענען עפעקטפולע און אריגינעלע (די אקציע קומט פאר אין זעלבען הויז אין פערשידענע וואוינונגען) ווי אויך, אז דאס שפילען פון אנסאמבל שטייט אויף א הויכער מדרגה — קענען מיר האבען א געוויסען בעגריף פון דער פיינער קאמעדיע „געלט איז נישט אלץ", וואס איז אין איצטיגען סעזאן איינע פון די בעסטע טעאטער אטראקציעס.

די קליינע צאהל פערבליבענע בילעטען נאך צו בעקומען א גאנצען טאג אין קאנצעלאריע פון קינדערהיים, קרוטקע 22, אין ביבליאטעק „קולטורא", אלעע 20, אין אלע פראפ. פעראיינען און ביי דער קאסע פון 7 אוונד.

אנטי - יודישע ארויסטרעטונגען אין קלאבוצק

צו אונז אין רעדאקציע האבען זיך געווענדעט די פערוואלטונגס-מיטגלידער פון דער קלאבוצקער יודישער קהלה, די ה"ה: מרדכי שפערלינג און מרדכי פרענק און אונז איבערגעגעבען פאלגענדעס:

מיטוואך ווען אין קלאבוצק איז געווען דער מארק טאג, איז ארגאניזירט געווארען א פיקעטען אקציע און עס זענען זיך צונויפגעקומען א מאסע יוגענדליכע פון די ארומיגע דערפער אין עלטער פון 14 ביז 20 יאהר אין צוזאמען מיט די ארטיגע כוליגאנעס האבען זיי זיך א לאז געטהון אויפ'ן מארק איבער די יודישע סטראגאנעס און געוועלבער און מיט טערער נישט צוגעלאזט קיין קריסטליכע קונים.

די פיקעטען אקציע האט שפעטער אנגענומען א דראהענדען כאראקטער, וואס האט זיך פארוואנדעלט אין מעשים. מען האט אלע יודישע סטראגאנעס צעווארפען און די סחורות זענען דורך די „העלדען" צעראבירט געווארען. פיעל יודען זענען אויך פיזיש אנגעגריפען און צושלאגען געווארען.

ס'איז געמאכט געווארען אין דער ארטיגער קהלה א פראטאקאל פון די געליטענע, פון וועלכען ס'איז צו זעהען, אז 16 יודען, צווישען זיי אויך טשענסטאכאווער און פון דער אומגעגנט האבען געליטען א שאדען פון אן ערך 1000 זל.

די קהלה האט גלייך אוועקגעשיקט צום יודישען סיים קאלא אין ווארשא א דרינגענדען בריעף, אין וועלכען זיי האבען פארגעשטעלט זייער טראגישע לאגע און דאס הפקרות, וואס הערשט דארט און בעטען באלדיגע הילף.

„TECHNOSIL"-A. SILBERSTEIN
Częstochowa, Al. Wolności 65. Telefon 18-60.
HURTOWA SPRZEDAŻ WĘGLA i KOKSU
נוצט אויס א געלעגענהייט!
צוליעב דער ערעפנונג פון דעם הורט סקלאד פון קויהלען און קאקס אין דער בעקאנטער הורט-פירמע, קענט איהר בעקומען אין פערלויף פון דער וואך די בעסטע קוואליטעט קויהלען פאר הויז-געברויך, ווי: „גישע", „פלארא" און „פאריזש" צו הורט-פרייזען אנהויבענדיג פון א קליינער פוהר. 100 פראצענטיג זיכערע וואג. סאלידע בעדינונג.
א בעזונדערע גינסטיגע געלעגענהייט.

פון קליינהענדלער-פערבאנד אין טשענסטאכאו

די פערוואלטונג פון קליינהענדלער-פערבאנד מאכט בעקאנט, אז ביז'ן 1 טען מערץ דארפען ווערען אבגעגעבען זעזנאניעס וועגען אומזאץ - שטייער (פאדאטעק אבראטאווי) און הכנסה-שטייער פאר'ן יאהר 1938.

לויט'ן געזעץ דארפען בעלייגען זעזנאניעס וועגען אבראט אין אויבענדערמאנטען טערמין פאלגענדע שטייער-צאהלער: 1) די, וועלכע פיהרען ריכטיגע האנדעלס-ביכער, פעראיינפאכטע; 2) האנדעלס - אונטערנעהמונגען, וועלכע זענען פערעכענט צו דער 1-טער און 2 טער קאטעגאריע און פיהרען נישט קיין ביכער און זאגאר די אונטערנעהמונגען, וועלכע געניסען פון הנחה-פאטענטען, ד. ה. 3 טע קאטעגאריע אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען: פון 1—6 טער קאטעגאריע פאטענטען איינשליסליך; 3) פרייע פראפעסיעס; 4) אונטערנעהמונגען, וועלכע זענען אינדיווידועל אויפגעפאדערט צו בעלייגען זעזנאניעס. די זעזנאניעס פון הכנסה שטייער (פאדאטעק דאכאדאווי) אונטערליגען: 1) יורידישע פערזאנען, 2) אונטערנעהמונגען, וועלכע פיהרען האנדעלס ביכער און אויך 3) אייגענטימער פון הייזער, אנהויבענדיג פון 12 צימערן און ווייטער.

מיר מאכען אויפמערקזאם, אז די אויבענדערמאנטע, וועלכע וועלען נישט בעלייגען די זעזנאניעס אין אנגעוויזענעם טערמין, אונטערליגען א שטראף ביז 500 זל. (לויט'ן ארטיקעל 185 פון דער שטייער ארדינאציע). אויך מאכען מיר אויפמערקזאם, אז פאר בעלייגען נישט ריכטיגע זעזנאניעס, איז יעדער בעדראהט מיט א 20 מאליגע שטראף אדער 6 חדשים ארעסט.

ביי דער געלעגענהייט געבען מיר צו וויסען, אז דעם 14 דח. איז גערופען געווארען א קאנפערענץ פון די ארטיגע שטייער אמטען מיט פארשטעהער פון ווירטשאפטליכע ארגאניזאציע, וועלכע האבען אויסגעדריקט זייער פערלאנג, אז אלע נישט פערפליכטענדע שטייער-צאהלער זאלען בעלייגען זעזנאניעס פון הכנסה און אומזאץ-שטייער, טראץ

Red. E. Bocian Częstochowa, Aleja 6
Wyd. B. Bocian i Sz. Frank
Druk. B. Bocian, Aleja 6